STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06534

LIKHT UN GLOYBN

H. Goldovsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. גאָלדאָווסקי

ליכט און גלויבן

אַרויסגעגעבן פון
ה. גאָלדאָווסקי'ס בוך קאָמיטעט
לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע
1946

פון זעלבן מחבר:

פריירי לאנד — 1927

אונדזערע טעג — 1934

זינגט א וועלט — 1942

Copyrighted 1946

By

H. GOLDOVSKY

געזעצט אין שריפטזעצעריי „עקאנאמיע"

געדרוקט אין „פאציפישער קאאפעראטיווער דרוקעריי"

55

מער — ניט פרעג

— וואַנדערער, וואַנדערער, זאָג מיר פון וואַנען
אַף שיך און אַף קליידער דער שטויב?
— געפאָרן אַף שיפן, געשלעפּט זיך אַף באַנען
און אָפן געהאַלטן אַ שויב.

— וואַנדערער, וואַנדערער, זאָג מיר פון וואַנען
די קארבן די טיפע אין הויט?
— געווען אונטער שלאַקסן, אַדורך אוראַגאַנען
אַף אַ ראַנדעוואו מיטן טויט.

— וואַנדערער, וואַנדערער, זאָג מיר פון וואַנען
האָסט כוח געהאַט אינם וועג?
— געצונדן מיין האַרץ אין די אייגענע פלאַמען.
און איצטער — גענוג. מער ניט פרעג.

15־טן יולי, 1934

זינגענדיק

בענקענדיק נאָך זון

דאָס ליד, וואָס איך האָב געזונגען פֿרימאָרגן,
וואוהין איז עס פֿאַרשוואונדן?
עס איז געקומען אַ באַנדע וואָלקנס
און האָט מיין ליד געבונדן.
איך הער עס שרייט מיין ליד אין לופֿט,
ווי איך אין גלי פֿון וואונדן.

אָ ליד, מיין ליד, איך בין אַליין
פֿאַרשמידט אין שווערע קייטן.
איך האָב געהאָפֿט, אַז די גאָר וועסט
מיר לינדערן דעם ווייטיק,
ערשט דיין געשריי נעמט שטאַרקער נאָך
דעם פּלאַם פֿון פּיין צעשפּרייטן.

איך וואַרט אַף זון, די וואַרטסט אַף זון,
מיר בייגקען שוין פֿון יאָרן.
נאָר שוואַרצער טרייבט געוויטער אום
און פֿינצטערער — דער צאָרן,
אַז מינדסטער קלאַנג קלינגט אָפּ, ווי שאַל
פֿון דעם גאולה - האָרן.

זאָל זיין די לופֿט איז אָנגעזאַפּט
מיט ביטער־שווערע טרערן,

און אונדז באַשערט איז לעבן, ווי
אַ קופּע בלינדע ווערים;
נאָר גוט איז אונדז צו הערן טריט
פון טאָג, וואָס הויבט אָן ווערן;

נאָר גוט איז אונדז צו ברומען שטיל
דאָס ליד פון נייעם קומער
און פילן אונטער גרונט דאָס גראָז
גרייט טעפּיכער און בלומען
פאַר יונגן פרילינג, וועלכער בריינגט
דעם אייביק־העלן זומער.

אַזש מיר אַליין, מיר נעמען גאָר,
ווי פרייע אָדלער שוועבן
און רייסן וואָלקנס שטיק נאָך שטיק,
און מאָנען פרייד אונדז געבן,
און גייען אויס אין קאַמף־געזאַנג
צו ליכט, צו זון, צום לעבן.

1־טן אָקטאָבער, 1936

זאָל קלינגען ליד פון ליכט

גיב מיר שמשונ'ס כח זיך צו צווינגען
דורכרייסן די אייזן־רינגען
און דורך ווענט, דורך גראַטעס, ריגלען
איבער פרייע בערג און היגלען
שטורעם־לידער זינגען.

ניין, איך וויל ניט זינקען, זינקען
אין דעם ים פון בלוט, נאָר טרינקען
פון דעם וויטן מאָרגנשטערן
דורך דער נאַכט פון פיין און טרערן
ליכט, וואָס האַלט צו מיר אין ווינקען.

רופט מיך נאַר און פאַלשער זינגער!
טרינקט איר אויך! און זעט, ס'ווערט גרינגער,
ס'וואַקסן אויס אייך שטאַרקע פליגלען.
קענגן טויט אויף בערג און היגלען
ליד פון ליכט זאָל קלינגען.

15־טן יולי. 1940

אַ זוניקער טאָג

איז וואָס אַז די זון האָט צעגאָסן
אַ שפע פון ליכט אויף דער גאַס?
עס קען אומגעריכט גאָר פאַרבלאָזן
אַ ווילדער טייפון מיט אַ האַסט

די רואיקייט בלאָנדע, וואָס שפּרייט זיך
מיט וואָלקנדלאך פּוך אין דער הויך.
גיי פרעג און גיי זוך אין פאַרצווייפלונג
דאָס ווארט דאָס באַטאָנטע אין פייער און רויך!

איז בין איך אַוועק צו דעם פייגל,
וואָס האָט דורך דער נאַכט מיט געזאַנג
געוואכט און געפרעגט: „צו וואָס טויגן
דיר קלאַנגען אין אונטערגאַנג?

גיי בעסער און פלי איבער פעלדער,
וואו ס'ליגן הרוגים אַ באַרג
מיט ראַיענדע פליגן, עס פעלט ניט —
וועסט פרעסן, פאַרגעסן דיין האַרץ.

איז איצטער אַ צייט פאַר דיין זינגען?"
געוועז ז'מיין טיראַדע אומזיסט.
דער פייגל האָט גראדע געוואונקען
מיר שעלמיש פאַרשייט, נאָר זיין פיסק

האָט אַלץ נאָך געטרעלט, און די שטראַלן
אין מיט פונם גרינעם פעלד
זיי זיינען אַ האַרץ אַ פאַרבלוטיקטס באַפאַלן
געבריט עס, געלאַכט און געקוועלט.

יאנואר, 1942.

די באַלאַדע פון דעם זינגערס האַרץ

געווען איז אַ זינגער אַמאָל אין אַ לאַנד,
אַ זינגער מיט הערלאכע קלאַנגען,
פון פריען פרימאָרגן ביז שפעט אין דער נאַכט
געטרעלט האָבן זיינע געזאַנגען.

זיין טאַטע האָט שוין אין דער קינדהייט דערשפירט —
זיין זון איז צו לידער געבאָרן,
האָט ער אים אין מדבר אין וויסטן פאַרשיקט
זיך אויסהיילן פונם חסרון.

אין מדבר דאָס קינד האָט דעם שורשען דערהערט
פון זעמדעלאך געלע און גלאַטע,
פאַרנומען דעם אטעם דעם הייסן פון ווינט,
דעם פינקל פון שטערנדלאך מאַטע,

ער האָט עס אין אייגענער בענקשאַפט פאַרשפינט
מיט טענער צעצויגענע, טריבע
און האָט עס אויף לופטיקע פליגלען פון ווינט
צעשיקט איבער שטאָטישע שטיבער.

געקומען דער פאָטער צורייטן געשווינדט:
— וואָס טוט מען? — ניט אַנדערש אַ כישוף!
און האָט זיך געלאָזן צוריק מיט זיין קינד,
צוריק צו אַ מענטשלאַכן ישוב.

און דאָ האָט ער אים אין אַ קעלער פֿאַרשפּאַרט
צווישן ווענט, צווישן מאַרמאָרנע, דיקע,
אָן לופֿט און אָן שיין. וואָס קען זיכערער זיין
די שטים פֿון געזאַנג צו דערשטיקן?

אין פֿינצטערן קעלער די בליקן געשאַרפֿט,
צעצונדן אין פֿלאַמען די אויגן,
מיט שאַרפֿן געהער צו דעם דרויסן געווענדט,
געהערט האָט ער גראָז זיך באַוועגן.

און ער האָט געזונגען פֿון לויטערער זון,
וואָס וועט יעדן שאָטן באַצווינגען,
פֿון פֿרייהייט, פֿון רחבֿות וואָס וועלן די ווענט
פֿון אייזן און שטיין דורכדרינגען.

איז שטאַרקער געוואָרן זיין טאָן און זיין קלאַנג,
אַזש אָנגעפֿילט האָט עס דעם קעלער,
און האָט זיך אין פֿרילינגדיק דרויסן צעקוועלט
מיט זוניקע שטראַלן מיט העלע.

און מענטשן זיך האָבן פֿאַרזאַמלט אַרום
צו הערן די וואונדער טרעלן,
און האָבן גענומען פֿון זיסן געזאַנג
אַליין גאָר צו זינגען און קוועלן.

דער טאַטע האָט זיך אין זיין ראַשיקן כעס
אַוועקגעלאָזט אַזש צו דעם קיסר.
— אַזוי און אַזוי — אָ אַן עצה מיר גיב,
כ׳וועל טאָן וואָס נאָר דו וועסט הייסן.

דער קיסר געזעסן איז שטאַרק אויפן טראָן,
געפינקלט מיט קרוין פון רובינען,
געטראַכט און געטראַכט, און אַ זאָג געטאָן:
— „אַ יונג דאַרף מען אָפּגעבן דינען!

זאָל וויסן זיין דינסט און זאָל טראָגן זיין פליכט,
אַ שווערד באַ דער זייט וועט אים קלינגען,
זיין בלוט ווערן דיק וועט מיט גלוסט צום געפעכט,
און ער וועט פאַרגעסן צו זינגען."

און אָט איז דער יונג שוין אין רויטן מונדיר
מיט מעשענע קנעפּ, עפּאָלעטן.
טאָג אויס און טאָג איין, מע שטודירט מיט אים איין
ווי גיין און ווי שטיין, און ווי טרעטן,

ווי האַקן, ווי שטעכן, ווי וואַרפן אַ קויל
און אַלערליי קונצן פון מאָרדן.
און דאָ האָט דאָס האַרץ פונם יונג זיך צעבליט
מיט הערלאַכע ליבע אַקאָרדן.

און איינמאָל בשעתן אַ בלוטיקער שלאַכט,
אין מיטן גערעוו פון קאַנאָנען,
האָט ער זיך צעזונגען מיט מעכטיק געפיל:
— דער מענטש זאָל די ליבשאַפט דערקאָנען!

פאַרטויבט איז געוואָרן דאָס שלאַכטפעלד פון ליד,
פאַרשטומט דאָס קאַנאָנישע ברומען,
און שונאים זיך האָבן ווי ברידער דערקענט,
און האָבן זיך קושן גענומען.

געלאָזט זיך צום קיסר האָט דער גענעראַל,
געקלאַפּט ווייסן פערד מיט די שפּאָרן:
— אָ, האַר מיינער, מלך! דער זינגער סאָלדאַט . . .
מיר זיינען איצט ביידע פאַרלאָרן!

האָט קיסר געהייסן מע זאָל צו אים גלייך
דעם תליון דעם עלצטן ברענגען:
— זאָג, תליון, וואָס זאָלן מיר טאָן מיטן יונג,
אַז אויפהערן זאָל ער צו זינגען?

— פאַראַן אַזאַ עצה, אָ, מלך־לעבֿ!
מע זאָל צוויי גיבורים דינגען,
אַרויסשניידן ס'האַרץ פונם יונגן סאָלדאַט,
וועט ווערן אַ סוף צו דעם זינגען.

עס שלאָפט יונגער זינגער אין מיטן דעם פעלד,
ער שלאָפט מיט אַ שלאָף פון מתים.
עס נעמען צוויי יונגען מיט מעסערס אין הענט
און שניידן דאָס האַרץ אַרויס אים.

זיי טראָגן דאָס צאַפּלדיק האַרץ מיט זיך מיט,
און וואו נאָר זיי קערן און ווענדן,
צעזינגט זיך דאָס האַרץ אין אַ ליכטיק געזאַנג
און שפרייט עס אויף פעלקער און לענדער.

און ווער עס פאַרנעמט נאָר דאָס ליכטיק געזאַנג,
מיט ליבע ווערט פול און מיט פריידן —
צו אָפּוואַשן טרערן און בלוט פון דער וועלט
און ברענגען אויף ערד דעם גן עדן.

1940

למנצח מיין פֿאָלק

איך זינג צו דיר מיין פאָלק

א

איך זינג צו דיר, מיין פאָלק, וועט מיין געזאַנג צו דיר דערגרייכן?
צעשטויבט ביסטו אין ווייטסטע ווינקלען פון דער וועלט,
פון יאָמערדיקן פאַליוס־שטורעם ביז עקוואַטאָר־לופט דער ווייכער
האָסטו צעוואָרפן (צי מען האָט צעוואָרפן) דיין געצעלט,

מען האָט צעפיצלט דיך אויף יעדן פונקט פון די מערידיאַנען
און אויסגעזייט דיך שיטערלאַך אויף יעדן פאַראַלעל —
איז זאָל איך זינגען הויך, אַז ס'זאָל מיין קול אַריבערשפּאַנען
דעם פינצטערן געוואוי פון ערדס פאַרשטיקטער קעל?

צי זאָל איך זינגען שטיל, ווי שאָרך פון די מזלות
אין רוים אומענדלאַכן זיך שלייכן אינם גאַנג? —
ווי זאָל איך אויסקלינגען מיין ליד פאַר דיר, ווי זאָל עס
אויפגיין, פאָלק מיין ליידנדיק, פאַר דיר מיין וויי־געזאַנג?

ב

„דיין מוטער איז אַ חתית, דיין פאָטער אַן אמורי"*)
וואַרפט אויף דיר דיכטער־נביא פון אַמאָל
און וויפל פרעמדע בלוטן אין דיין טיף איצט יוירן
אין פלוס פון לאַנגן וואָגל־וועג, מיין פאָלק?

און ניט דורך פלאַמען־גלי פון תאוהדיקע גלוסטן,
נאָר פרימאַ־נאַקטוס־רעכט*) און טויזנט־יאָריקער פאָגראָם
נאָך האָבן ניט געהאַט די מאַכט פאַרטריקענען, פאַרוויסטן
דיין לויטערן, דיין קוואַלעדיקן שטראָם.

---

*) יחזקאל

*) די רעכט פון יעדן פריץ אף דער כלה אין דער ערשטער נאכט נאָך דער חופה.

גייסט אויף פּאַר פּרעמדן אויג ווי אַ לעגענדע־אהאספער,
— פאַרשאָלטן — זאָגן זיי — פאַרשאָלטן פון אַ גאָט,
און פּרואוון אויס דיין בלוט אַנטקעגן שאַרף פון שווערד,
ווי דו וואָלסט אין דיין בלוט פאַרבאָרגן טיפן סוד.

ג

ווער עס שלאָגט די וואָרצלען אין דער ערד
איז במילא אינם קרייז: געבוירן, זיין, פאַרגיין.
דו האָסט פון דיין פּריסטער יוגנט שוין דערהערט
רוף פון ווייטע הימלען אין דיין פלייש און ביין.

האָסט אַרויפגעזעצט אַ גאָט אין הויכע בלויע רוימען,
האָסט פאַרטיליקט אַלע געטער פון דער ערד,
און אַליין גענומען זיך צו רייניקן, צו צוימען,
אפשר וועט דיר מלכות שדי ברענגען זיין באַשערט,

ווי דיין פאָטער יעקב אינם קאַמף מיט געטער
הער איך דיין געשריי זיך טראָגט אין בלויער לופט
אַ צום־טויט־פאַרוואונדעטער, הילף זוכסטו און רעטונג,
ווי אַ קול אין וויסטן מדבר רופט.

ד

איבער די זודיקע זאַמדן פון תימן־לאַנד שלייכסטו זיך אום
ווי אַ שאָטן אונטער די דרעמלענדיקע הופן פון מאכמאדאניש־
אַראַבישן קעמל.

אויף גאַסן שאָסייען פון ארץ ישראל אונטער דראָענדיקן האָגל־
פון לויערנדיקע קוילן שפּאַנסטו מוטיק און דרייסט מיטן
ליד פון ניי־לעבן אויף ליפּן אויף יונגע.

אין די געטאָס פון פוילן, אוקריינע און רייסן אין
די בלוטיקע נעגל פון שונא געפינסטו נאָך מוט אין
תמות נפשי עם פלשתים צו שטערן די רו פון בלוטדורשטיקן
דייטשן גענזעמל.

צווישן זיגרייכע רויטע אַרמייען אין לאַנד פון סאָוועטן
גרייט לויפסטו צו קעמפן אַנטקעגן די ווילדע באַרבאַרן,
וואָס האָבן אין לאַנד דיינס אַריינגעדרונגען.

אין האווענדע שטעט פון אַמעריקאַנער רעפּובליקן יאָגסטו
אום זיך נאָך גאָלד דורך שיפּענדער שנאה און פאַרלירסט
זיך אין ראַשיקן טומל.

בעת צענדליקער טויזנטער וואגלער לויפן אום איבער
ברייט פון דער ערד, פון שפּאַניען ביז כינע, און זוכן
אין בלוטיקן מבול אַ רו־אָרט פאַר פוס־טראָט פאַר מידן
אין טיפסטער פאַרצווייפלונג פאַרזונקען.

ה

פאַרמאַטערט פון קוקן אויף צייכנס פון הימל
פאַלסטו אַנידער אויף פּנים פון ערד
און הערסט אין דיין אייביקן האָפענונג־דרימל
עם קלאַפּן שוין הופן פון פערד,

און ס'קלינגען אין אויערן תקיעות און תרועות.
וואַכסט אויף און נעמסט רופן: „ס'קומט אָן!
דאָס פערד און דער שופר! עס איז ניט קיין טעות!"
און פאַכסט מיט גאולה פאָן.

דו זעסט ניט די רייטער מיט שווערדן אַנטבלויזטע.
זיי טרעטן אַריבער דיין גוף
און ס'ווערט אין דיין בלוט פון גאולה צעברויזטער
דערטרונקען דיין פאָן און דיין רוף.

דאַן מורמלט די ערד דורך די וואָרצלען פון גראָזן,
אַ זעאונג פאַר אויגן דיר שוועבט:
„כ'האָב געזען אין דיין אַנגסט האָט די וועלט דיך פאַרלאָזן,
דאָך אין דיינע בלוטן — לעב!"

ז

דו האָסט איינגעזאַפּט די זאַפט פון יעדער ערד אין דיינע בלוטן־
און האָסט דיין הויך באַהעפט מיט לופט פון יעדן לאַנד,
עס האָט אין ערגעץ ניט דער זיווג דיר געראטן
און אומעטום געבליבן לויז ז'דער קנופּ פון באנד.

דער קרייץ פון וועגן שפּרייט זיך בלינד פאַר דיינע אויגן,
פאַרגליווערט אַרום אים ז'דיין ציטערדיקער שפּאַן,
אַז יעדער גאָט איז פון די ווייטע הימלען אָפּגעפלויגן
אויף זילבער פליגל פונם שנעלסטן עראָפּלאַן.

אין כוואַליעס פרעמדער לופט די נימפן זינגען
דיר זיסלאַך־אויסגעצויגן ס'ליד פון אומקום און פאַרגיין.
ווי קען עס פונם צויבער דיר געלינגען
זיך ראַטעווען נאָר מיט דיין אַלט־עקשנותדיקן „ניין"?

עס ציען דיינע וואָרצלען זיך צום באָדן פון אַ ווינקל,
דיין מידער גוף — באַנייען קראַפט אין זאַפט פון ערד,
ווייל אויסגעטרוימטער גאולה שטערן לעשט זיך טונקל
אין דיין געביין פון שונא'ס האַנט פאַרצערט.

ז

ס'האָט דעם מלחמה שאַל אַנטקעגן דיר אין וועלט
אַרויסגעשיקט דער מענטשן־פרעסערישער הון:
„ווען פונם מעסער שפריצט דעם אידנס בלוט
וועט גיין אים — זאָגט ער — ווידער גוט"
און קיינער ט'ניט געזען ווי ער פאַרשטעלט
מיט רויטקייט פון דיין בלוט די שיין פון העלער זון.

אומזיסט ביסטו געלאָפן און געוועקט
געוויסן פון דער וועלט. דיין שיף
פון רעטונג האָט אַוועקגעטריבן יעדער ברעג,
און רו צו דיינע וואגלער האָט געגעבן נאָר פון ים די טיף.

זיי האָבן זיך געצלמט פרום אין פוכקע בעטן:
„אויף די האַרטנעקיגע זיין צאָרן גיסט אויס גאָט!"
און שפעט נאָך חצות געלאָפן זיינען זיי אַליין זיך רעטן
פון הונגער־עראָפּלאַן אויף זייער אייגענער שטאָט.

„עס איז אַ אידישע מלחמה! ז'עס ניט קיין אידישע מלחמה?"
זיי שיפען ווי די שלאַנגען און זוכן ווייסע טויב,
וואָס וועט ניט ווייזן זיך ביז ס'וועט דער אל נקמות
צעשמעטערן זייער וועלט געבויט אויף מאָרד און רויב.

ח

איז געווען אַמאָל אַ פּאַסטוכל, אַ פּאַסטוכל,
האָט ער געהאַט אַן איין־און־איינציק שעפעלע,
זיינען הונישע וועלף אָנגעפאַלן
אויף אַן איינזאַם אידיש שטעטעלע.

ליוולינקע, מיין קינד.

איז דאָס אומשולדיק בלוט גערונען, גערונען,
פאַרפּילט די וועלט פון ברעג צו ברעג
און דער וועלפיש געוואי, און ברומען
האָט ניט אויפגעהערט דורך נעכט און טעג.
אײ ליו ליו.

געוואָרן איז די גאַנצע וועלט אַ הויז פון שחיטה,
אין וועלכער ס'שרייט אַ שוואַרצע קראָ
און לופט פון אומקום־פלאַם צעגליטער:
יתגדל ויתקדש שמיה רבא
יתגדל ויתקדש שמיה רבא.
ליולינקע, מיין קינד.

ט

זיי געטרייסט, מיין פאָלק, אָ, זיי געטרייסט!
אַ דריטל איז אין פלאַם פון קאַלכאויוון געוואָרן אויסגעלייזט,
און ס'איז קיין מלאך ניט געקומען ווי צום ביבלישן אברהמען
צו ראַטעווען זיי פונם רויטן צונג פון פלאַמען.

זיי געטרייסט, מיין פאָלק, אָ, זיי געטרייסט!
אַ דריטל וואָלט מיט יעדערן זיך אויפגעלייזט,
געשניטן נעז, געפאַרבט די אויגן, אויסגעמעקט דעם נאָמען —
מען זאָל דעם שטאַם, די גזע זייערס ניט דערקאָנען.

אָ, זיי געטרייסט, מיין פאָלק, אָ, זיי געטרייסט
מיט די געטאָ העלדן, וועלכע האָבן אין דער וועלט דיין שם צעגרויסט;
מיט די חלוצים בויער פון ארץ ישראל, פון בירא בידזשאַן;
מיט דיינע העלדן־זין, וואָס קעמפן קעגן פיינט אין יעדן לאַנד,
און מיט די איינזאַמע, וואָס אונטער טויט, פאַרלייקענונג און צוואַנג
נאָך זינגען וועגן נצח דיינעם דיר אַ לויב־געזאַנג —
אָ, זיי געטרייסט, זיי געטרייסט, מיין פאָלק!

1־טן מאַרטש, 1944

רוים און ירושלים

ביסט ווידער, אַלטער רוים, אַרויס אין וועלט מיט שווערד און פייער
צו בויען דאָ דיין הערשאַפט אַף דער ערד.
דורך יושענדיקע טייכן בלוט האָסטו גענומען שרייען:
אָט קום איך אייך באַפרייען, מענטשן, הערט!

מיט פאַלשער ליפּ האָסטו צעזונגען דיין געזאַנג צום לעבן,
צו מוט און שטאַרקייט, שליח פונם טויט,
און רופסט צו בויען, כאָטש עס איז דיין שטרעבן
צו חרוב מאַכן, וואָס דער מענטש האָט אויסגעבויט.

און מיך, דיין אַלטן אפּלייקענער, שונא,
האָסטו גענומען טרעטן מיט די פיס,
דו האָסט דיין שמוץ געגאָסן אַף מיין ריינעם
ווייסן קיטל, אַ ירושה פון דעם לעצטן נביא'ס

גוף, וואָס איז אין פייערדיקן רייטוואָגן פאַרשוואונדן
צו בויען אינם בלויען הויך פאַר מיר אַ שטאָט,
אַזאַ, וואָס קען ניט ווערן מער צעצונדן
מיט פייער באָמבעס פון דיין לופטן־פלאָט.

ווי הורדוס מיינסטו אויך פון אייגן טויט זיך צו באַפרייען
דורך לאָזן פריי די שווערד פון נאַכט ביז אינדערפרי,
דאָך העכער פון דיין זיג־הוראַ איך הער נאָך שרייען
דעם נביא'ס קול: ואומר לך בדמיך חיי!

6־טן מאַי, 1938

א י י ב י ק

אָ, מזל פירכטלאַכער פון פעלקער און פון לענדער,
פאַרוואָס האָסטו אונדז צוגעטיילט אין וועלט אַזאַ מין לאַנד,
וואו הימלען זיינען טיפער בלוי מיט העלסטע זון און שטערן
און ערד איז גרוי און שטיינערדיק, און ציטערט נאָכאַנאַנד?

מיט שוויים, מיט בלוט דורך דורות לאַנג מיר האָבן פיתם, רעמסס
געבויט, באַפוצט און אויסגעצירט מיט אונדזער אייגן חן,
און משה. אָט דער מענטש, וואָס מיר האָבן דערוואַרטעט,
געשיקט האָט אונדז זיין שטעקן נאָר, זיין שטעקן נאָר אַליין,

דער שטעקן האָט אונדז זייער שווער פאַרוואונדעט און צעבראָכן,
מיר הויבן אונדזער בליק צו בערג און פרעגן שטום: אַוואו
איז דאָ אין וועלט אַן אָרט אַזאַ אין סטעפּעס צי מדבריות
אַז מיר זאָלן געפינען דאָרט פאַר זיך אַ ווינקל־רו?

עס שטומען הויכע בערג מיט שטאָלץ און קוקן גלייך אין אויגן
און וואַשן שפּיצן גאָלדענע אין בלויקייט פון זעפיר.
אין הערצער טיף צעקלינגען זיך, ווי עכאָס טעמפּע, ווייטע,
ווי בערג, ווי אייביקע אויף ערד, אויך אייביק זיינען מיר!

1942

רבי יהודה הלוי

אַ זון העלט אַרום ר' יהודה הלוין
פון גרייז־גרויער באָרד זיינס, פון אויגן געבעט,
פון הייליקע קלאַנגען, פון זודיקן קושן
די וועלט און די ערד, אַף וועלכער ער טרעט.

ער זעט — ס'איז זיין חלום אַ וואָר איצט געוואָרן.
עס פאָרט שוין פון ווייטן אַ רייטער אַף פערד.
ס'האָט אָפּגעטאָן זיך פון זיין פאָלק שוין דער צאָרן,
און ס'איז אים משיחן זעען באַשערט.

עס ציטערט זיין שטימע אין הערלאַכסטע לידער,
ער פאַלט אַף די קני — אָ הערט, ברידער, הערט!
אַ בשורה איך האָב פאַר אייך, ברידער, אָ, ברידער!
. . . .

פאַרענדיקט האָט רייטער מיט שאַרף פונם שווערד.

5-30-36

נעם צענויף דיינע טרערן

נעם צענויף דיינע טרערן אין לאגלען
און פאַרפריר זיי מיט אָטעם פון האַס,
איבערברייט, איבער לענג פון דיין וואגלען
זיי אוים ישוב און שטאָטישע גאַס.

עס איז אומעטום פרוכטבאַרער באָדן,
באַמיסטיקט מיט לייד און מיט נויט.
עס האָט בלוט אויף די שטיינער געזאָדן,
און אויסגעפּאַרבט וועלט איז מיט רויט.

זאָל מען דעקן מיט נאַכט צו פארשטעלן
יעדן שפּור פון אַ ליכט, פון אַ שיין —
אונטער דעק, מיט געפּאַרבסטע געמעלן
— הער! — עס רייסט זיך דער טאָג: איך וועל זיין!

6-7-35

וואו איז די פּאַווע, עראָפּלאַן?

גיי אַרוים אַפן פעלד אין לבנהקער נאַכט
און הער ווי עס ריידן די גראָזן,
און פרעג לינדן ווינט: האָסט אַ בשורה געבראַכט?
האָסט אַ טרייסט ליד פאַר מיר דעם פאַרלאָזטן?

די זון שמידט און גליט אויס די פיינפולע טעג
אין בריאַזג פונם שטאָטישן האַווען,
און דו שטייסט פאַרלאָרן אין מיטן דיין וועג
צו געפינען די גאָלדענע פאַווע.

דו זוכסט זי מיט בליק אין טשוהונענעם הויך
עס פליען דאָרט אום עראָפּלאַנען
ווי שטאָלענע פייגל, און פון זייער בויך
אַרמייען זיך לאָזן שפּאַנען.

אַרמייען אַהער און אַרמייען אַהין
מיט טאַנקען, געווער־מאַשינעס.
זיי קומען צופאָרן, זיי קומען צופליען
און רייסן אויף באָמבעס און מינעס.

דו שעלטסט דאַן די זון, די ליכטיקע זון,
און לאָזסט זיך אַרונטער אין גריבער.
— אָט דאָ, וואו ס'איז פינצטער און רואיק אַרום,
וועסט וואַרטן ביז אַלץ וועט אַריבער.

איז וואַרטסטו אַ יאָר און צוויי, און דריי, —
ווער ווייס שוין וויפיל יאָרן?
און פילסט ווי אַט דאָרטן אַף דער פריי
ווערט שטאַרקער און טיפער דער צאָרן!

אַ האַלבע וועלט ליגט איצט צעצונדן אין בראַנד,
אַ האַלבע וועלט פלאַמט איצט אין פייער,
די שרפה צעוואַרפט זיך פון לאַנד צו לאַנד,
פאַרלענדט יעדע הויז און שייער.

דיין לעבן אַליין טראָגסטו ווי אַ געשאַנק
אַ ווייסטע, פון שונאים געגעבן,
און פרעגסט זיך: ווי לאַנג, ווי לאַנג, ווי לאַנג
וועל איך דיך נאָך שלעפן לעבן?

נאָר שטיל אין דער נאַכט, אין לבנהקער נאַכט,
דערהערסטו — עס ריידן די גראָזן
און זוכסט האָט דער ווינט דיר אַ סימן געבראַכט,
כאָטש אַ פעדער פון פאַווע פאַרבלאָזן?

8-9-38

די גאַנצע וועלט צו דיר אין פּחד שרייט

וואָס זאָל איך טאָן, מיין גאָט, איך האָב זיך ניט געלערנט
די שוואַרצע ערד מיט אַקעראייזן שפּאַלטן?
וואָס זאָל איך טאָן, מיין גאָט, מען האָט מיך ניט דערצויגן
אין מיינע הענט אַ ביקס, אַ שווערד צו האַלטן?

איך האָב שוין יאָרן אין דיין וועלט געוואַנדערט,
אַף שפּיצן בערג געקראָכן, אין טיפן טאָל געגאַנגען,
מיין אייגן וויי און פּיין און דעם פון דיינע מענטשן־קינדער
געפּרואווט צו אויסוויינען אין ריטמישע געזאַנגען.

די האָסט דיין וועלט אַוועקגעשיינקט איצט צו דער קויל, די טויטן־גאַז.
עס האָט מיין שטיל געזאַנג פאַרשטומט אין טיפער קעל.
איך ליג געבונדן ווי אַ לאַם אַפן מזבח
פון דיין צעפּיילינגטער, צעגרינטער וועלט.

איך עפן מיינע אויגן אויף מיט ערשטן ליכט פון מאָרגן
און וואַך ביז שפּעט נאָך מיטער האַלבער נאַכט,
און זוך אין ווינטן־רויש אין שושעריי פון גראָזן —
צי האָט דיין מלאכ'ס האַנט דערלייזונג מיר געבראַכט?

אַ אינדן ווייזט זיך אין דער נאַכט. די ווילדע יעגער
אַרומגערינגלט האָבן זי פון יעדער זייט.
דורך אירע ברוינע יאושפולע אומשולדיקע בליקן
די גאַנצע וועלט, איך הער, צו דיר אין פּחד שרייט.

4-28-38

רופט ניט אויס קיין שמיטה

ניט שאַלט אין קיין טראָמפּייטן
און רופט ניט אויס קיין שמיטה.
זאָל גערטנער פלעגן צאַרטע
ווייסע פרילינג־בליטן,
זאָל זייער זייען זריעה,
דער אקערער היטן אַקער,
און ברענט דער ברודער קריג,
און שרעקלאַכער דער פלאקער,
ניט אַכטעט האַנט פון טויט
און טוט די אַרבעט מונטער —
די וועלט וועט בלייבן וועלט
דער מענטש ער גייט ניט אונטער.

ניט שאַלט אין קיין טראָמפּייטן
און רופט ניט אויס קיין שמיטה.
עס וועט דער בליץ פאַרשווינדן
און איינשטילן ס'געוויטער,
די זון וועט שיינען העלער
און שטראַלן וועלן גלעטן,
און אַלע ווילדע גראָזן
וועט אויסיעטן דער יעטער,
זאָל זייער זייען זריעה,
דער אַקערער היטן אַקער,
אין מיטן ברודער־קריג
אין מיטן וועלט־געפלאַקער.

ניט לאָזט זיך נאָר פֿאַרפֿירן
אין תּהום פֿון אַ נירוואַנע,
ניטאָ גאָר קיין פֿון וואַנען,
ניטאָ אויך קיין ביז וואַנען.
פֿאַרפּלאָנטערט ליגן וועגן,
און וואַנדערער — מיליאָנען.
זיי גייען אום און פֿרעגן:
אַ וואו איז גאָטס אַ פּנים?
אַוואו איז גאָטס אַ סימן?
אַוואו איז גאָטס אַ צייכן?
און ווי וועלן מיר קאָנען
צו אַ שפּיץ דערגרייכן?

דער שפּיץ זייט איר אַליין גאָר,
און גאָט איז אייער טואונג.
עס איז אַ צייט פֿון אַרבעט
און ניט קיין צייט פֿון רוען.
פֿון בערג אַ קול צעטראָגט זיך
און דונערט מיט אַ ציטער:
ניט שאַלט אין קיין טראָמפּייטן
און רופֿט ניט אויס קיין שמיטה.

3-16-18-37

ווער ביסטו?

דו ווייסט ניט, מיין פֿאָלק, ווער דו ביסט און גייסט אום מיט חשך אין האַרצן.
די שונאים די פֿינצטערע האָבן די אויגן די קלאָרע פֿאַרקלעפּט דיר מיט בלוט,
מיט צואה קולטור און מיט בלאָטיקע קונסטן דיין פּנים דיין ווייסן פֿאַרשוואַרצט און
פֿאַרווירט און פֿאַרבלאָנדזשעט פֿאַרלירסטו עקשנות און מוט.

דו ווייסט ניט, מיין פֿאָלק, ווער דו ביסט, מען האָט דיר דיין בלוי־ווייסן טלית
אַרונטערגעריסן, צעפּליקט, דיר אָנגעטאָן כלערליי לאַטעס,
דיין בלוט אויסגעזויגן, אין האַרץ דיר אַריינגעפּלייצט כוואַליעס
פֿון יאוש, פֿון אומקום, פֿון לעבן אין קאַמער מיט גראַטעס.

דו ווייסט ניט, מיין פֿאָלק, ווער דו ביסט! זיי האָבן צעשמעטערט דיין וואוינונג,
אין גאַסן פֿון וועלט דיך פֿאַרשליידערט אַ שטינקענדע קופּע מיסט,
איז כאַליעפּסטו טויט אַלס דערלייזער, אין נעפּל פֿון צער־געוויינען
קערט אום זיך דיין וועלט צום פֿאַרבראשיתן צושטאַנד, צום תהום פֿון פּוסט און וויסט.

דו ווייסט ניט, מיין פֿאָלק, ווער דו ביסט. פֿון אוראַלטע דורות נאָך פּלייצן
אין האַרצן אין דיינעם די ווערטער: דורך בלוטן דורך דיינע לעב,
דו טראָגסט ווי אַ ביינערדיק אייזל דעם יאָך פֿון דער וועלט אַף די פּלייצעס
און שלעפּסט מיט דעם מענטשן אין הימלען דורך אומגעזעענע טרעפּ.

דו ווייסט ניט, מיין פֿאָלק, אַז דו ביסט אַ שטראַל פֿון דער זון פֿון דער העלער,
וואָס האָט זיך אין פֿינצטערע נעכט אַלס מעטעאָר פֿאַרשטעלט.
דו קניסט אין דער ערשטער ריי אַף האַרטסטע מאַרמאָר שוועלן
דעם אויסגעביינקטן משיח צו בריינגען דער מידער וועלט.

1938

אין בלינדן וואָגל

**אַוואו איז מיין וועג אין דער וועלט?
די שיין פון מיין אויג איז פאַרשוואונדן.
דער שטראָם, וואָס האָט ערשט דאָ געקוועלט,
די באַרג־זאַמדן האָבן דערטרונקען.**

**איך שטיי מיטן שטאָק אין דער האַנט
אין מיט פון לאַנג־יאָריקן וואָגל
און הערך נאָר איין־איינציק געזאַנג —
דאָס שרעקלאַכע קראַקען פון ראָבן.**

**געהערט: ערגעץ ריזלט אַ קוואַל
פון באַהאַלטענע ליכט און פון היילונג . . .
אָ, הערץ מיינס, זיי שטאַרק און דערהאַלט,
כ'זאָל קומען אַהין ניט פאַרפעלן.**

10-13-39

ווינט-צוגן

אין אַלע פיר זייטן צעעפנטע טירן,
מיט פענצטער, וואָס קוקן צום מאָרגן אַרויס,
אויף זאַמדיקע דיונעס, פאַרוויסטע, צעהיצטע,
די ווינט־צוגן האָבן פאַרכאַפּט אונדזער הויז.

מיר וואַרטן אויף געסט זאָלן קומען צורייטן
און איינוואָרצלען אונדז אין אַ פרוכטבאַרער ערד.
מיר לייגן דעם אויער צום מדברדיק באָדן
צו הערן פון ווייטן די רייטער אויף פערד.

מיר הערן נאָר וואי פון כאמטינעך, וואָס יאָגן
אַלץ נענטער צו אונדז אין אַ ווילדן געדריי.
אונדזער קלאָג טראָגט זיך ווייט אין אומענדלאכער וויספע,
ווי אָדלערס' פאַרוואונדעטע לעצטער געשריי.

10-20-39

דער נביא וויינט, זינגענדיק נחמו

1

דער נביא וויינט פון אונטערן שטיין אין מיין האַרץ.
זיין קול האָט דעם קעניגס הייסן שווערד אָפּגענאַרט.
זיין וואָרט האָט צייט און רוים אָפּגעוואַרט.
ער גייט אויף איבערן קראַך פון מויערן און פּאַלאַצן.
ער שטייגט אויף איבער פיר טויזנט פונטיקע באָמבעס, וואָס פּלאַצן.
ער פאַרהילכט די טאַנק־עראָפּלאַן־מאָטאָרן
צענדליקער, הונדערטער, טויזנטער יאָרן.
דער נביא וויינט פון אונטערן שטיין דורך מיין האַרץ
אין אייערע פאַרשטאָפּטע אויערן.
זיין געוויין לעכערט דורך די שפּעלטלאַך פון אייער הויט.
אונטער יעדן גרינעם גראָז־וואָרצל פילט איר לויערן
די אומגעזעענע פעדים פון אומקום און פון טויט.
אין שרעק פאַרטיליקט איר די ברידער שוועסטער פון מיין אַלטן שטאַם.
צי שטילט ווען אייך זיין כוואַליען־רויש דער ים?
ווערט איר ניט איינשטילן דעם נביאס ציטעריקן געוויין
אין אייער האַרץ פון שטיין.

2

די זעאונג פון דעם נביא לעבט אין שטראַלן
פון ליכטיקער זון.
אומזיסט איז מען זי יאָרנלאַנג באַפאַלן
מיט טאַטע־גאָט, מיט גאָטס אַ זון,
זי איז אויסגעטראָגן אין גלוטיקע פּיינען
פון דורות מענטש אין וועלט.
וואָס פינצטערער די נאַכט אַלץ קלאָרער זיינען
דער זעאונגס לייכט־זיילן צעהעלט.

אין טעג אין אונדזערע, ווען פונדאַמענטן
פון וועלטן ווערן צעשטערט,
די זעאונג ווערט נענטער, קלאָרער, דערקענטער,
איר הויך שוועבט שוין איבער דער ערד.
אָ, פאָלק מיינס פאַרפייניקטס, פון דיינע לענדן
די זאַפט די זעאונג געבערט.

3

דעם נביאס פלאַמיקער אמת פעכט
אַ לופט געפעכט מיט שווערד.
עס קריצן די בליצן פון יושר, פון רעכט,
געטראָגן אויף וואָלקן פערד.
זיי קייקלען זיך איבער די וועלטן די ברייטע
און נידערן אויף דער ערד.
מיט צונגען פון פייער, מיט טויטלאכן בליי
נידערט אַרונטער די שווערד
אין הענט פון קעניגן, האַרן באַצירטע
די שטרויענע כאַטעס פאַרבײַ,
וואו פלאַמיקער אמת זיצט טיף אַ פאַרווירטער
און אנט, ווי נאָנט דערביי
אין מיטן פון מאָרד, פון רויב, פון הריגה
דאָס אָרימע פאָלק דערהערט
דעם נביאס אוראַלטער געוויין האָט געשטיגן
אַריבער פאַרפייניקטער ערד.
צעטראָגט זיך די זעאונג פאַר אויגן פאַר בלינדע
פון פלאַמיקן אמת באַהעלט,
און פינצטערע נאַכט פונם שווערד נעמט פאַרשווינדן
פאַר טאָג ליכט, וואָס צינדט אָן די וועלט.
גלויב, פאָלק מיינס פאַרגלותטס, וועסט ווערן אויפגעבונדן
נאָך מיט אמת נייעם ליכטיקן אין אייגענעם געצעלט.

4-23-43

די געזאַנגען פון אברהם דעם עברי

1939

דער עברי אברהם

איך*) בין דער עברי אברהם
אין אַלטן תרח'ס געצעלט.
איך פיר אַ שפּאַס מיט די געטער.
מיט אָפּגעטער אין דער וועלט.

די נמרודס שיקן חילות
און הייצן די קאַלכאויוונס איין.
מיך לייטערן גליענדע צונגען,
מיך שטאַרקן פלאַמען פיין.

איך וואַנדער אין אַלע לענדער.
און קומען וועל איך אַמאָל
מיט גאַנצער וועלט אינאיינעם
צום מילך און האָניק טאָל.

איצט וואַקסן דאָרטן דערנער
אין שאָטן פון די בערג,
נאָר שווערד און שפּיז צעשמעלצן
וועל איך אין אַקער, סערפּ,

וועט אָנצינדן זיך דער דאָרן
מיט גלוט פון אייביקן פלאַם,
וועט פול ווערן מענטש מיט ליבשאַפט,
ווי מיט וואַסער איז פול דער ים.

און אַלע פוסטע מדבריות,
פון שנאה פאַרשאָלטן וויסט,
וועלן טראָגן רוישיקע זאַנגען,
ווי גן־עדן, וואָס גאָט באַגיסט.

---

*) יעדער אידישער „איך" אין יעדן דור.

אין פייערן געלייטערט

אין פייערן געלייטערט,
האָט אמת זיך אַנטפּלעקט
פאַר מיר. זינט דאַן איך זוך אים
אין וועלט פון עק אין עק.

אויף יעדער ערד האָט זיך שוין
געביידלט מיין געצעלט:
אין היצן פון עקוואַטאָר,
אין וויסטער צפון־קעלט.

ס'האָט יעדערער געפרעגט זיך:
„וואָס טוט ער דאָ אין שטאָט?"
ווער ס'האָט געזאָגט — אַ מערדער . . .
און ווער — אַ זון פון גאָט.

אַמאָל מיר ברויט געגעבן,
אַמאָל — אַ שטיין אין קאָפּ.
מיין יעדן צי אין הויכן
האָט איר געשלעפט אַראָפּ.

איך האָב געזאָגט: דעם אמת
איך זוך פאַר זיך, פאַר אייך.
האָט איר פאַרטייטשט עס: היט זיך
פון דעם, מיידט אויס אים, ווייכט!

איר בינדט מיך. אויף עקדות
איר לייגט מיך ווי אַ לאם.
איר שאַרפט שוין אייער מעסער
און טראָגט צום האַלז דעם פלאַם . . .

און נאָכדעם איר, דערדריקטע
פון אייער מערדער־זינד,
נעמט צו אַ גאָט דערהויבן
מיך, דעם מענטשן־קינד.

איר נעמט פאַר בילד מיינס קניען
און שלאָגן זיך על־חטא.
איר רעוועט: גאָט, באַשיץ אונדז,
— פאַרגיב די זינד — איר בעט.

און מיט אַ ביינקשאַפט וואַרט איר
אויף יענעם העלן טאָג,
ווען איך זאָל אויפשטיין ווידער
אייך אויסלייזן פון פלאָג.

צו דער עקדה

מיין קינד ביסט אויסגעוואקסן
אַ יונגער ממרא־דעמב.
איז צייט דיר צו דערציילן:
מיר לעבן אין דער פרעמד . . .

מיר שלאָגן אויף געצעלטן,
און פּאַשען סטאַדעס אויס,
און הויבן אָן פאַרלייגן
פונדאַמענט אויף אַ הויז,

דאַן הויבט זיך אויף אַ מורמל:
זיי רויבן ס'ברויט אַוועק . . .
איז האָב איך שוין אויף אייזלען
פאַרפּאַקט אונדזער געפּעק.

מיר לאָזן זיך אין מדבר
צו דעם מוריה־באַרג,
וואו גאָט וועט אונדז דערפילן,
וואָס וועלט האָט אונדז געקאַרגט.

מיר וועלן דאַרפן ברייננגען
קרבנות ביזן שפּיץ
צו גרייכן ס'גרויסע ליכט־פרייד,
וואָס דאָרט האָט אויפגעבליצט.

איך האָב דאָ האָליץ און פייער . . .
איז שטאַרק דיין גוף און האַרץ
מיט גלויביקייט אין חלום,
וואָס ליגט פאַר אונדז און וואַרט.

ניט ציטער, קינד! שוין צייט דיר
אַנטפּלעקן אָט דעם סוד:
שוין יאָרן־לאַנג אויף וואַנדער
האָט אויסגעוויילט אונדז גאָט,

און ווען אויף דער עקדה
וועסט ליגן ווי אַ לאַם
און פילן אויף דיין האַלדז־הויט
אַ רויטן חלף־שראַם,

שפּיז אויגן העל אין הימלען,
שאַרף אויער אָן און האָרך
דאָס ליד פון גרויסער ליבע
דאָרט זינגט מלאכים־כאָר.

אויף האַלדז דער שאַרף פון חלף,
אין האַרץ אַ גסיסה־קעלט —
טראָג הימלישע געזאַנגען
דער ראַנגלענדיקער וועלט.

זאָג נאָר דו ביסט מיין שוועסטער

(בראשית, יב, 18)

לאָז אַרונטער די צניעותדיקע אויגן
פאַרן חוצפּהדיק בליק פונם לעסטערער.
וועט דער פרעמדער דיך אָנהויבן פרעגן,
זאָג דו ביסט מיר ניט מער ווי אַ שוועסטער.

ס'קוקט דער פרעמדער אין דיינע שוואַרצאַפּלען
מיט זיין פינצטערן בליק מיט זיין בלינדן
און דערפילט — עפּעס שטראַלן געהיימע,
זיינע פּיס, זיינע הענט נעמען בינדן.

כאַפּט אַ פּחד דאָס האַרץ זיינס אַרומעט,
אַז דו שטייסט דאָ פאַר אים ווי אַ געטין,
בויגט ער איין זיינע קני, פאַלט אַנידער
און הויבט אָן זיך צו מאָליען און בעטן,

ביז זיין בלוט הויבט אָן ראַשיקער זידן
מיטן רוף פון די ווילדיקע גרונטן,
דאַן דערזעט ער — איך שטיי דאָ אַרום דיר
מיטן שיין פון דיין ליבשאַפט געצונדן,

אַז דער פרעמדער אין מיטן זיין מאָליען
גיט אַ הויב זיך פון ערד, ווי אַ הרודע,
זאָג אים דאַן איך בין נאָר דיין געטרייער,
נאָר אַן אייגענער לייבלאַכער ברודער.

יענעם אָוונט דורך טיר פון געצעלט וועט
אַ פאַרבייגנקטע אַריינקומען רו,
וועל איך שעפּטשען דיר הייליקע ווערטער
מיט אַ פליסטערן: „פּרו ורבו . . .“

ויבא העיט

מיט פוס־טריט, צעביילטע פון שטענדיקן וואָגל
אויף מיסטהויפנס אין דער פרעמד,
פון שפּאַנען אַדורך דעם וויסטן האָגל
פון בייזער צונג און הענט,

מיר האָבן פאַרלאָזן דעם מענטשלאַכן ישוב,
אין מדבר־לאַנד אַוועק.
מיט אונדזער בלוט און שוויים פון כישוף
דעם באָדן אויפגעוועקט.

מיר האָבן געקלאַפּט אין האַרטע שטיינער,
דעם גוף, דעם קאָפּ צעקנאַלט,
און זיך דערשלאָגן צו דעם ריינעם,
צום אונטערערדישן קוואַל.

צעשטעלט דאָרט אונדזערע געצעלטן,
צעווייעט אין זונענגלוט
און יאָרנלאַנג־פּרוכטלאָזן באָדן באַוועלטיקט
מיט אונדזער שוימיק בלוט.

די וויסטע איז צעגרינט געוואָרן,
צעבלומט דאָס מדבר לאַנד,
אין פרייד פאַרוואַנדלט אונדזער צאָרן,
אין רום — די וויסטע שאַנד.

ביז איין פֿאַרנאַכט איז אָנגעקומען,
האָט הימלען רויט צעפֿאַרבט
און אָנגעיאָגט אַ פֿליגל־זשומען,
אַ קראַקען ווילד און האַרט.

און באַלד האָט נאַכט די וועלט פֿאַרגאָסן
מיט חשך דיק און שווער —
אַ מחנה רויבפֿייגל געלאָזן
האָט זיך אויף אונדזער ערד,

צעריסן אונדזערע געצעלטן.
מיט פֿולע שנאָבלען זאַמד
פֿאַרשאָטן פֿלוסן אויפֿגעקוועלטע
אויף ברייט פֿון אונדזער לאַנד.

און אונדזער שבט — ווייב און קינדער
פֿאַרטריבן וויט פֿון היים,
פֿאַרקנעכט אויף לאַנג אין פֿרעמדע לענדער
צו קנעטן ציגל, ליים.

דאָך קנוט און בייטש פֿון אונטערדריקער
פֿאַרברענט האָט אונדזער פֿלאַם.
אַ פֿייער־זייל דורך וואָלקן דיקן
אונדז פֿירט צום פֿרייען לאַנד.

אני הולך ערירי

מיין גוף צעבראָנעוועט אין קנייטשן און אין קאַרבן
פון יאָרן וואַנדערן אין ברייטער וועלט —
ווער וועט מיך ירשענען און ווער וועט ארבן
די שטילע שאָטנקייט פון מיין געצעלט?

איך גראָב אוים ברונימער מיט לאַנגע שטעקנס,
און קוואַליק וואַסער שוימט אַרויף,
ערשט דאַן באַפאַלט מיך אַנגסט פון שרעקן:
קיין לענד־געבוירענער איז אין מיין הויף.

די זין פאַרוואָרפן אין מדבר־זאַמדן,
זיי זוכן קוואַלן אין ווייטער פרעמד.
מיין קוואַל, וואָס שוימט אַריבער ראַנדן,
אויף זיי ווארט מורמלענדיק פאַרשעמט.

ביים שוועל פאַרבליבענער בן־זקונים
ער קוקט מיט אויגן שטאַר און בלינד.
זיין בליק זעט מעסער־שאַרפן פאָכען
אויף אים, געבונדן ווי אַ רינד

אויף דער עקדה. און ווייטער זעט ער
פון הימלען פליסט אַ בלענדיק שיין.
מיין האַרץ וויינט שטיל אין אָוונט שפעטן —
וועט דער, וועט ער מיין יורש זיין?

תן לי הנפש והרכוש קח לך

אין מיר די גרינגקייט פונם גרינעם פרילינג גראָז,
אין מיר די שטאַרקע קראַפט פון ערשטן שטורעם־בלאָז,
און טויט פון אויסגעשמידטע אייזנס אויף די טריט
בויגט איין אַ ווייל מיין שטאַם צום גרונט. מער ניט.

איר זופט די לופט מיט לויף פון פערד,
איר יאָגט זיך נאָך דער ערד.
אויף זאָטלען זידט פון שטאָל די האַק,
אין האַנט דער שאַרף פון בלאַנקן שווערד.
איר שטעלט זיך אויף אויף פערד אין לויף
מיט שווערד געשטרעקט אין הויך
און שרייט: דער שפּאַן פון ערד איז מיין
און יענער מיין איז אויך!

איך זינג אין שעפּטש פון ווינט אין פעלד
דעם רויש פון אייער טיף,
וואָס בייגקט נאָך רו, ווי ס'בייגקט צום ברעג
אין שטורעם־ים אַ שיף.
איז ווי מיין ליד דערהערט זיך נאָר,
דער שווערד פאַלט באַלד אַראָפּ,
און איר נאָך אים ליגט אויפן גרונט,
ווי האַרבסט־צייט ליגט אַ סנאָפּ.

ערשט דאַן פון הויך אַרונטער קומט
די זון אין העלסטער שיין
און וויינט מיט גאָלדן רעגן־שטראַל,
נעמט מאַמעדיק אייך איין,
און איר אויף גרינעם גראָז צעשפּרייט
פאַרנעמט איר מיין געזאַנג,
איר כאַפּט די האַק און ברעכט מיט איר
דעם שווערדס צעשאַרפטן בלאַנק.

און אַלץ וואָס לעבט דאָ אויף דער וועלט
פון מענטש ביז שטומען רינד,
פון פליג און בין ביז גרעזל דין
באַקומט אַ נייעם זין:
אַז גאָט איז לעבן, און דער טויט אַליין
נאָר איז אַ זינד;
און ווער עס בויט אויף שווערד און בלוט,
דורך שווערד און בלוט פאַרשווינדט.

ביים זונפאַרגאַנג

(ויהי השמש באה ועלטה היה והנה תנור עשן ולפיד אש)

איך שטיי פאַר דיר אויף שפּיץ פון באַרג
אין פליוש פון גרינעם גראָז.
דער מערב, פון דער זון באַפאַרבט,
העלט אויף אין רויט און ראָז.

אַ שטילע רו נאָך טאָג פון מי
דאָס ווינטעלע ווייט אָן.
אַ ווייסע טויב אין לופטן פליט
און פלאַטערט, ווי אַ פאָן.

אַראָפּ, אַראָפּ די זון פאַרגייט . . .
אָט טונקט זי זיך אין ים.
דער מערב ברענט. אַ פייער שפּרייט
דאָרט טיכער פלאַם נאָך פלאַם.

און אינם פלאַם מיין וויים געצעלט,
היינט פרי ערשט אויפגעשטעלט,
ווערט, ווי אַ בראַנד־אָפּפער פאַרצערט,
פון דיקן רויך פאַרשטעלט.

איך פאַל פאַר דיר: „אָ, האַר פון וועלט,
זע, ענטפער מיר, ווי לאַנג
וועל איך נאָך בייטן מיין געצעלט
און וואַנדערן נאָכאַנאַנד?"

דערהער איך — ס'שרייט די ווייסע טויב:
אַ רויבפייגל נאָך איר.
אָט ווערט באַפאַרבט דער געלער שטויב
אַרום מיט בלוט קאָליר.

און איך אַליין פיל ווי אַ צונג
פון פלאַם לעקט מיינע פיס.
איך בעט: „אָ, האַר, גיב כאָטש אַ וואונק,
אַז ס'איז ניט אַלץ אומזיסט?"

פֿון הימל ראנד אַ שנירל ליכט,
דער זונס אַ לעצטער בליק,
שיינט אויף אין נאַכט אויף מיין געזיכט
און שעפטשעט: „גלויב, איך קום צוריק."

אין בלוטיקן שטורעם

פידלער שטום

העי, פידלער, שטום! גענוג צו צימבלען
פֿאַר ברייטער וועלט, פֿאַרשמידט אין שטאָל!
די גרויע טענער דיינע שימלען,
ווי אַלע הייזער דאָ אין טאָל.

ס'איז יעדעס הויז — אַ זאַנג אַ רייפֿער —
אין ציטער וואַרט אױף סערפּן־קלונג,
ווען בייזער שטורעם מיט אַ פּייפֿן
צעבלאָזן וועט דעם ערשטן פֿונק.

און יונג, און אַלט, און ווייב, און קינדער
מיט קול היסטעריש פֿון אונטערגאַנג
זיך בעטן וועלן, אַז די ווינטן
זיי ברייגנען זאָלן גיפֿט־געטראַנק.

פֿון שוואַרצע הימלען וועלן קומען,
ווי בליצן שאַרפֿע, מאָרד און פּלאָג
און טראָגן מענטש - בוקעטן - בלומען
צום פֿוס־ביינקל פֿון טויטן גאָט.

דער ריח פֿון דעם עולה קרבן
פֿאַרטרייבן וועט דעם סם פֿון לופֿט,
און אַליץ, וואָס איז שוין לאַנג געשטאָרבן,
דערהערן וועט — דאָס לעבן רופֿט.

טונק אוים דיין סמיק אין פֿייער גאַמען,
דיין פֿידל טונק אין מאַרך און בלוט
און צינד אין הערצער אָן די פֿלאַמען
פֿון מאַג, וואָס הינטער שטורעם רוט.

1939

עס איז געווען זומער

זון געגאָסן האָט צעגליטן בראָנז אַף ערד

עס איז געווען זומער. זון געגאָסן האָט צעגליטן בראָנז אַף ערד.

און פֿאַר די אויגן האָט געשפּרייט זיך ווייסע שניי־פֿאַרווייטע פֿעלד,
און ביימער נאַקעטע געווײנט אין וויכער האָבן מיט פֿארגליווזטע טרערן,
און קראָען שוואַרצע זיינען אומגעפֿלויגן און געקראַקעט אומגליק אין דער וועלט.

עס איז געווען זומער. זון געגאָסן האָט צעגליטן בראָנז אַף ערד.

איך בין געווען אַליין אין ווינטערדיקער לאַנדשאַפֿט גרויער,
געשלאָגן זיך מיט וויכערס־וואוט מיט צערדיק געוויין אין לופֿטן,
מיט שרעק אין האַרץ פֿאַר ווילדן וועלף־געוואָי, וואָס איז געוואָרן דייטלאַכער און נענטער
און מיט פֿאַרשטיקטער שטים געשריען: העלפֿט, — כאָטש ס'איז געווען ווייט פֿון ערגעץ מען זאָל מיך דערהערן.

עס איז געווען זומער. זון געגאָסן האָט צעגליטן בראָנז אַף ערד.

די לאַנדקאַרטע, וואָס איז געווען אין בוזים קעשענע, געוויזן האָט
אַז זיין בין איך אין וואַרשע, ווילנע, פּראַג, בערלין, ניו יאָרק,
אַז דאַרפֿן דאַרף דאָ זיין ניט וואַלד, ניט פֿעלד, ניט ווינטער,
נאָר גערטנער פֿרוכטבאַרע, וואָס טראָגן שאָטנדיקע רו און פֿייגלשע געזאַנגען.

עס איז געווען זומער. זון געגאָסן האָט צעגליטן בראָנז אַף ערד.

איך בין געוואָרן מיד פון לויפן און אַנטלויפן,
אַז אַלע מײַלן האָבן זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין אַ קנויל,
און איך בין צונעפֿאַלן צו דער ווייסער ערד מיט הייסן פיבערדיקן אָטעם,
ווי אַ פערד געטריבן פון אַ בייזן שמייסער מיט אַ שווערער משא אױפֿן רוקן,
און אַ ווייסער שוים פון מויל האָט זיך באַהעפט מיט ווייסן שניי.

עס איז געווען זומער. זון געגאָסן האָט צעגליטן בראָנז אַף ערד.

איך בין געלעגן לאַנג — אַ שטיקל אייז פֿאַרגליווערט,
און איבער מיר געפֿאָרן זײַנען אָן אַן אויפהער
לאַסט אויטאָמאָבילן, פּאַנצער־צוגן, טאַנקען
אין ווילד געשריי: — דער מענטש! וואו איז דער מענטש? —
מיר מוזן אים פֿאַרניכטן!
איך האָב געהערט — עס וויינט די ערד דורך שווערן באָמבען־אויפריים,
זי וואַרפט זיך אין קאָנוואולסיעס, פֿאַרוואונדעט, בלוטנדיק,
ווי מאַמעס בויך אין אַ פּאָגראָם אַן אויפגעריסענער,
אין טעמפּע ליידן פרעגנדיק: פֿאַרוואָס?

עס איז געווען זומער. זון געגאָסן האָט צעגליטן בראָנז אַף ערד.

און דאַן — אַ שטילקייט אַ פֿאַרגליווערטע האָט איבער אַלץ פֿאַרשפרייט זיך.
אַ לינדער ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן אין שעפטש פון שנייען־קוסטעס.
איך האָב אַן אויג געעפנט און דערזען אַ ברייטן בלויען הימל,
און אַפן אָרט, וואָס איך האָב אָנגעוואַרעמט,
האָט צעגרינט זיך ערשטער פּוך פון גרעזעלאַך פֿאַרשייטע,
וואָס האָבן זיך אַרויף געצויגן דורכן דעק פון שניי, פון פראָסט, פון אייז,
צו זון, צו ליכט, צום שיין.

עס איז געווען זומער. זון געגאָסן האָט צעגליטן בראָנז אַף ערד.

איך האָב געלאָזן זיך אַנטקעגן ווילד געשריי פון טויט און פון צעשטערונג
— אָט בין איך דאָ. אַדורכגעשמידט מיט ברען פון פראָסט,
פאַרהאַרטעוועט דורך גלוט פון אייז, ווי מוטער ערד אין לאַנגען ווינטער,
אָט בין איך דאָ! זיך ראַנגלען גרייט מיט שטאָל און אייזן פון פאַרניכטונג!
מיר זיינען פליגל אָנגעוואָקסן,
שטאַרק צו פליען העכער פון דער סטראַטאָספערע.

עס איז מיין גוף דער שטאַרקסטער שטאָל,
וואָס קאָן אין פייער זיך ניט בויגן,
און ס'איז מיין בלוט נאָך גיפטיקער
פון שטאַרקסטע טויטן־שטראַלן.

אָט בין איך דאָ!
מיט אייך זיך צו פאַרמעסטן
פאַר לעבן, רו, פאַר פרייהייט און פאַר גליק.

עס איז געווען זומער. זון געגאָסן האָט צעגליטן בראַנז אַף ערד.

6-8-10-36

דער טאָג פון יעהאָווע

1

ניט לאַרכן זינגען פרימאָרגנס,
ניט זינג־פייגל טרעלן דורך נעכט,
אף פליגלען פון בלוי־לופט זיך טראָגן
געשריי און געוויין, און געקרעכץ.

פון שפּאַניען, פון שפּיץ פּירענייען,
פון כינע ביים טייך יאַנגטצע
אַריבער דער וועלט צעווייען
זיך שאַרפן פון בלאַנקן שווערד.

די שטראַלן פון זון כאַפן אונטער
דעם גלאַנץ פון שאַרפן מעטאַל
און פלייצן, פאַרפלייצן די גרונטן
מיט יושעדיק רויטן וואל.

אף שניי פון די הימאַלייען,
אפן העכסטן באַרג עווערעסט
אין תכלת'ער אַבאַיע
דאָרט שטייט דער אַלטער פּראפעט

זיין גרויע באָרד אין ציטער
פון וואָיענדער זאַווייִ,
ער שרייט — „הערט, מענטשן, ברידער,
פאַרנעמט פון גאָט די רייד:

איך שטיי דאָ טויזנטער יאָרן
און שריי צו אייך אַראָפּ,
און איר האָט וועג פאַרלאָרן,
און איר האָט האַרץ פאַרשטאָפּט,

און איך דאָ וואַרן און וואַרן,
אַז קומען וועט גאָטס טאָג
אַף אייך מיט וויי און צאָרן,
אַף אייך מיט בלוט און קלאָג.

נאָר איר האָט ניט פאַרנומען . . .
און אַט איז ענדלאַך דאָ,
דער טאָג איז שוין געקומען
פון ראַכע און באַצאָלט.

אין בערג גראַניט באַהאַלט זיך,
אין גריבער געלער ערד,
ווייל כעס פון גאָט צעשאַלט זיך
אַף דערפער און אַף שטעט.״

אויך איצט האָט קול פון נביא
דאָ קיינער ניט געהערט
צוליבן רויש פון קאָוועז
חלפימדיק די שווערד.

אַ פיר מיט קריץ אַף שטיינער,
אַ פיר מיט שאַרף צוריק,
עס צעדעט שטאָל דורך ציינער
אַ זיג . . . אַ זיג . . . אַ זיג . .

2

עס טרוקנט טרוקנעס אין לענדער,
עס טרוקנט טרוקנעס געוואַלט:
— מיר מוזן פֿיינט פֿאַרלענדן!
שטייט אויף, אי יונג, אי אַלט;

וואָס איז? וואו איז דער שונא?
ווער האָט געזען אים, ווער?
אַז ווייסן ווייס ניט קיינער,
נאָר יעדער לויפֿט מיט שווערד.

און באַלד שוין עראָפּלאַנען
פֿאַרשטעלן שיין פֿון זון,
מיליאָנען שטיוול שפּאַנען
צום פֿויקן־טאַקט: בום . . . בום . . .

פֿון הימלען באָמבעס קנאַלן,
צערייסן שטיקער שטעט
פֿון באָמביי ביז וועסטפֿאַלן,
פֿון רוים ביז אמורזעט.

3

קאַסטנס אַף קאַסטנס און מויער אַף מויער
רויבן דאָס ליכט פונם טאָג.
ערשט דאָ געוועזן אַ כאַטקע אַ פויערס,
איצט אַ געביי — הונדערט שטאָק.

קלעצער און ברעטער, און גאַנצן פּראָסטע,
פּאַקליע און גלאָז, און קיט
האָבן זיך ריזיק צעבליט און צעוואקסן —
אייזן און שטאָל, און קאָנקריט.

אייזן, קאָנקריט איז ניט ווייך און ניט קאָרן
פּאָרן זיי זיך מיט גאָלד,
און פון דעם פּאָרן ווערן געבאָרן
שוואַרצע וואָראָנעס פון שטאָל.

איבער די טורעמס אין ווייס בלויע הימלען,
אונטערן שיין פון דער זון
צטאָלענע פייגל־וואָראָנעס זיך ווימלען,
קרייזלען דאָרט רוישיק אַרום.

קראַ! די וואָראָנעס טשוהונענע אייער
פאַלן אַף שטעט מיט אַ קנאַל.
שלינגען איין אייער מויער נאָך מויער
שלונג! — און אַ בויג, און אַ פאַל!

האָגלט אין שטעט ווייטע האָגל פון ציגל,
מבול פון שטיין און קאָנקריט . . .
און אין אַ שטאָק וויגט אַ מאַמע אַ וויגל
אַ ליידיקס — איר קינד ניט פאַרהיט! . . .

4

לויפט אַ מאַמע. אין האָר — זאָווערוכע,
אין אויגן — ווילדער פלאַם.
זי גייט אום פרעגן, זי גייט אום זוכן
דעם מושל פונם לאַנד.

זי טראָגט אַ קינד, אַ קינד אַ גוסס,
און ביידן טראָגט דער ווינט.
זי גיט דאָס טויטע קינד צום קיסר
מיט נאָך פינף זילבער שטיק,

— דו האָסט אין ווייטן לאַנד מיין מאַן
אין שלאַכט אַריין פאַרשיקט,
און ערשט האָט קויל פון עראָפּלאַן
געטויט מיין קינד אין וויג.

דו האָסט באַצאָלט דאָס געלט כ'זאָל האָבן
קינדער דיר אַסך —
נאַדיר ס'געלט, מיין קינד באַגראָב מיר
היינט נאָך, היינט ביינאַכט,

און איך וועל גיין די הימלען רייסן
איידער זון פאַרגייט
זיי זאָלן מיר די אַקסן ווייזן,
אַף וועלכע ערד זיך דרייט,

וועל איך די ערד אין לויפן צאַמען,
איינשטילן דעם ווינט,
אפשר וועל איך ווערן מאַמע
צו אַ לעבעדיק קינד.

5

טו אוים דיין שלייער, כלה!
דיין חופּה איז צעשטערט.
דו ביסט אַ גראָז ווי אַלע
גרעזעלאך אין פעלד.

פון גראָבע פיס געטראָטן
אַף בלוטיקן מאַרשרוט.
קיין בעט פאַר ערשט געבאט, איז
וואו מען טרעפט דיך גוט.

דער ציטער פון דער ליבע
זיך קלאַפּט אין האַרצן פוסט,
אַף בערג אין וואַלד און גריבער
דיך זעטיקט שפּיל און לוסט.

דו וואַקסט אַ שטעכיק דאָרן
אין טוי פון לייד און פּיין,
דו וועסט קיין קינד געבאָרן
אַן אויסלייזער צו זיין.

6

וואָס האָב איך געטאָן, אָ, גאָט,
וואָס האָב איך געטאָן אַף ערד?
איך האָב דיך געבעטן און האָב דיר געדראָט,
ביז דו ביסט אַרונטער פון בערג.

איך האָב צעבראָכן דיין ווערק
אין שטיין געהאַקט פאַר מיר
און האָב דיין וואָרט, דיין ליד פאַרמערט
אין פאַרמעט און פאַפיר.

און איצט — עס פלאַמט די בלאטע ערד
און אַלץ וואָס איז אַף איר.
איז וואסער כח, וואסער ווערט
האט פארמעט און פאַפיר?

פאַרשרפעט איז דיין הייליק וואָרט
מיט אים אויך דו אַליין.
אין חורבה פון דיין אַלטן אָרט
נאָך ציטערט שטיל געוויין,

7

עס אקערט ערד קיין אַקער,
עס אַקערט ערד אַ טאַנק.
ער זייט אין ערד אַ פלאַקער
און זייט אַ קוילן־שלאַנג.

אַ מענטש איז אומגעקראָכן
אַף אַלע פיר געהיים,
אַ גראָז געזוכט צו קאָכן
פאַר זיך און פאַר זיין היים.

ער האָט קיין גראָז געפונען.
געפונען האָט ער שרויט.
ער האָט דעם שרויט גענומען,
געגעסן עס פאַר ברויט.

דער שרויט האָט אויפגעריסן
קינדער, ווייב און מאַן,
עס האָט זיי ווייט פאַרוואָרפן
אין הויך אַף עראָפּלאַן.

אין לופט פאַרוואַנדלט האָבן
זיי זיך דורך זונענגלאַנץ
אין שוואַרצער סטייע ראָבן,
וואָס האָט אַף ערד געטאַנצט,

געפּיקט סאָלדאַטסקע הערצער
פון אונטער פוילן פרענטש,
געקראַקעט: ראָבע! ראָבע! . . .
פון מענטשן פאַרן מענטש.

8

וואָס נאָך זאָלן טאָן עראָפּלאַנען
מיט ריזיקע דיזל מאָטאָרן?
עס גייען שוין שטעט אויס אין פלאַמען,
עס פלאַקערן פעלדער קאָרן,

די וועלדער — פייער גייזערס,
שוין אויסגעגלייכט די בערג.
וואָס קענען עראָפּלאַנען
נאָך אויפטאָן אַף דער ערד?

עס שפּרייטן זיך פון אויבן
די הימלען רואיק, בלוי,
איז נעמען זיי זיך הויבן
צום רוף פון קעניג טויט,
דעם הימל בלוי צעשטויבן
און אָפּפאַרבן אים רויט.

דער הימל ברענט! . . . ער לאָזט זיך
אַראָפּ אין בלויען ים,
ער לאָזט אַראָפּ זיך לעשן
אין וואַסערן זיין פלאַם.

עס צינדן זיך אָקעאַנען,
וואָס גורטן ערד אַרום . . .
די ערד פליט אָפּ פון דאַנען
זיך אויפלייזן אין זון.

9

דער מענטש האָט אָנגעזויפּט אַ פולן מויל מיט האַס און שנאה
און אויסגעשפּיגן אינם בלאָנדן פּנים פון דער זון.
דערנאָך האָט ער געלאָזט זיך קראַט און ווערים צו געפינען
זיך לערנען פינצטער־לעבן אינם אונטערגרונט.

דאָס האַרץ פון מוטער־ערד האָט זיך אויף אים דערבאַרעמט,
זי האָט געטיילט מיט אים איר אייגן ליכט,
זי האָט געשטאָלט דעם מוסקול פון זיין פלייש און ביינער—אַרעם
און אָנגעשפּייזט זיין איידלען אויג אין אונטערשיכט.

די שנאה־ווילדגראָזן האָט אויסגעיעט פון האַרצן
די מילדע מוטער ערד און ווייכקייט דאָרט פאַרזייט,
און איבער ברייט פון אונטערשיכט פון שוואַרצן
באַקעמפן וויסטן טויט האָט לעבן זיך געגרייט.

דאָ האָבן נייע דורות יונגע, בראַווע,
ווי דעמבעס שטאַרקע וואָרצלען, אויפגעיערט.
זיי האָבן דורכגעבראָכן זיך פון אונטערגרונט דורך צאָרן פון יעהאָווע
צו פלאַנצן נייעם לעבן אויף אויבערפלאַך פון ערד.

און פונם ווייטן העכסטן באַרג־שפּיץ האָט דעם נביאס קול געפלאַטערט
מיט מילדן פרילינג ווינטל, ווען ער האָט געבענטשט:
„דעם שווערד און שפּיז צעשמעלצן זאָלסט אין אַקער
און בוי אַ וועלט פון רו און פריד, באַנייטער מענטש!"

אויגוסט 24, 1938

פרילינג, 1939

1

— קום, קום אַרויף צו אונדז — די בערג האָבן געזונגען —
עס האָט שוין דאָ דער פרילינג זיך צעבליט —
איך קען ניט שטאָלצע בערג. איך האָב מיין טאָג פאַרדונגען
דער שטאָט פאַר שטיקל־ברויט, פאַר הויז־דאַך — מיין געמיט.

דאַן זיינען שפיצן־בערג פון בלויען הויך אַרונטער
און האָבן זיך אין האַרץ אין מיינעם אויסגעשטעלט.
מיט שאַרפן האָבן זיי מיין הייסן לייב פאַרוואונדעט,
מיט קאַלטן שטיין די זון די ליכטיקע פאַרשטעלט.

און דאַן האָב איך דערשמעקט, ווי פוילנדיקע גופים
זיך וואַלגערן אַרום אין טיפן ווייסן שניי
און האָב דערהערט היענעס בלוטדורשטיקע רופן:
אַהער, אַהער, דער מאָלצייט איז שוין גרייט!

איך האָב דערקענט די גופים: ברידער, מיינע ברידער,
אין מיטן נאַכט פאַרשלעפט פון וואַרעם בעט אַהער.
עס ציטערט נאָך די לופט מיט אייער לעצטן ציטער
און פייף פון בלאנקן שווערד נאָך לעבערט מיין געהער.

איך האָב געלאָזט זיך קלייבן לעצטע שוואַכע קרעכצן
און לעצטע אַטעם־צוגן איינגעזאַפט אין זיך,
איך האָב דעם לעצטן הויך אַראָפגעשאַרט פון לעפצן
און אויסגעמישט אין בלוט. איצט האָט אַ טויטן־גיפט

געשפּרייט זיך פון מיין גוף אויף ברייטע, ווייטע מיילן,
אַזש שאַרפן פון די בערג אַנטלאָפן זיינען באַלד
פון האַרץ. געלאָזן דאָרטן אויפגעהויכטעביילן
און טויזנטערליי קריצן — ריסן פון געוואַלט.

איצט שרייען מיינע ריסן אין דער מיט פון העלן פרילינג,
און בלייך ווערט רויטע רויז, און ווייסע ליליע — רויט,
און גרינע לאָנקעס קאָרטשען איין זיך: זיי דערפילן
די טריט פון שוואַרצן זייער מיט קויש פון קערנער טויט.

2

גייט אַרויס אין פעלד צו קלייבן ווילדע בלומען!
ס'איז דער ליבער פרילינג שוין צו אונדז געקומען.
שפּאַנט ער איבער טייכן, פליט ער איבער גראָז.
ווער האָט עס אויף האַרץ אויף מיינעם אָנגעטאָן אַ שלאָס?

אין דעם האַרץ פאַרשלאָסן ליגן שנײי און ווינטן
און אַ פראָסט דאָרט גליט נאָך ווי אין מיטן ווינטער,
רייסן בלומען וואָלט איך אין דעם פעלד אַרויס,
הענגט אַ שאַרפע שווערד ביים סאַמע טיר פון הויז.

שאָקלט זיך אַ שווערד — אַן אומרו פון אַ זייגער —
ריים איך אויף אַ פענצטער — ווי שפּעט איז עס אַ שטייגער?
הער איך ווי עס וואָיען הונגעריקע וועלף.
טראָגן זיך געשרייען קינדערישע — העלפט!

קוקט דער בוים צו מיר אַדורך די פענצטער־שפּאַלטן:
— אַז איך קען ניט לויפן — ווער וועט מיך באַהאַלטן,
ווען ס'וועט נעמען האָגלען פייער־קנויל און בליי? . . . —
און אַ קנאַספּ אַן ערשטלינג האָט געוויינט דערביי.

3

אַזעלכע כוואַליעס פרייד צעשפּרייט איר, ליבע שטראַלן,
אַז פענצטער פינצטערע און טירן זיך צעפּראַלן,
צעשמייכלען זיך די גרויע גאַסן באַ די ראָגן
און נעמען אייך אַנטקעגן ברוך הבאס טראָגן.

און פלוצלונג הויבן אָן געשעען וואונדער איבער וואונדער:
אין ווינטער האַרץ אין מיינס ווערט ווידער אָנגעצונדן
אַ העלע שיין פון האָפענונג און גלויבן,
וואָס פיינט האָבן אין גרויע טעג געוואָלט באַרויבן.

ווי אין נס חנוכה דער טראָפּן ריינער בוימאייל,
נעמט פרילינג־פלאַם זיך מערן, כוואַליען, שוימען,
ברענט אויס מיין פּיין. מיין לעצטע טרער ווערט שטילער, גרינגער
און העלט זיך אויף אין שטייגנדיקן זינגען.

עס שטאַרקט זיך מיין געזאַנג אַריבער פון טראָט פון מיליאָנען,
עס שטאַרקט זיך מיין געזאַנג אַריבער קנאַלן פון קאַנאָנען,
עס שטאַרקט זיך מיין געזאַנג אַריבער רויש פון עראָפּלאַנען־שוועבן —
איך זינג מיין ליכטיקן געזאַנג צום לעבן!

טרעלן פון לאַכפּייגל

א.

ווי האָט היינט געזונגען דער לאַכפּייגל?
כ'האָב אים קיינמאָל אַזוי ניט געהערט.
זיינע שאַרפע דינע טרעלן
פלעגן נעכט לבנהקע צעהעלן,
צעבליען די שטיינערנע ערד.

אָבער היינט האָט דער פייגל געזונגען
מיט נייעם מאָדנעם טאָן:
מיט רויש פון מאָטאָרן, וואָס שלינגען
דעם הימלישן בלוי־אָקעאַן;
מיט קנאַלן פון באָמבעס, וואָס זינקען
אין ערד־טיף אויף הונדערטער שפּאַן.

נו, כ'האָב קיינמאָל געקענט פאַרשטיין גאָר,
וואָס רופט מען די טרעלן „לאַך"?
די טענער זיי פלעגן מיר ברייגנען
אַ וואַכן דורך דופטיקער נאַכט,
אַ נאָגנדן, לעכצנדן בענקען
נאָך וויזיעס אויסגעדאַכט.

איצט זיינען די וויזיעס צערונען
אין פיין פון די שרעקלאַכע טעג.
די שיפן, וואָס זיינען געשוואומען
צום מיראַזש פון אַ בליאיקן ברעג,
האָט אַ סובמאַרין אויסגעפונען
און אַרונטערגעשיקט אויפן דעק.

דין ציט זיך דאָס פּעדימל לעבן
און פּלאַטערט אין שטורעמווינט,
און זעאונגען פינצטערע וועבן
אַ מאַטער־און טויט־לאַבירינט,
און לאַכפּייגל ווינט דאָ דאנעבן
אויף מיר, אויף מיין דור, אויף מיין קינד.

ב.

וואו זאָל איך מיין שוץ־גרובן גראָבן
צו אַנטלויפן פון פינצטערע טעג?
דער נעכטן ליגט לאַנג שוין באַגראָבן
אין חורבות פון דערפער און שטעט,
און ווימטע שוואַרצע ראבן
האָבן מאָרגן־זון פאַרדעקט.

אויף וויינענדע ווערבעס הענגען
די פידלען פאַרגליווערט און שטום,
נאָר קנאַליקע באָמבעס שווינגען
די טענער פון טויט אומעטום,
און לידער, וואָס איך האָב געזונגען,
אין חלל איצט וואַגלען אַרום.

געשרייען און גסיסה פּיינען
מיר לעכערן מיין געהער,
און גלעזערנע בליקן טענהן:
ווער וועט אונדז העלפן, ווער,
אין מבול פון בלוט, וואָס פליי̈צט אויף
צעריי̈צטער, צעווילדעוועטער ערד?

וואו זאָל איך מיין שוין גרובן גראָבן
צו אַנטלויפן פון פינצטערע טעג?
וואָלט שטורעם אַ שיין כאָטש פאַרטראָגן
פון ערגעץ אַ ווייטן ברעג
אין אויסלעש צום ווייטן טאָגן
דורך נאַכט צו באַלייכטן דעם שטעג.

ג.

די נאַכט האָט אויפגעגעסן אַלע שטערן —
ווי קען איך מיין גורל טרעפן?
כ'וועל אַוועקלייגן דעם האַמער דעם שווערן,
זאָלן בלייבן די טירן צעעפנט,

אַז ווינטן טראָגן וואָיענדע שראַפּנעלן
און וואַרפן אויף אַלע זייטן,
ווי קען מיין שטרוי־דאַך זיך אַנטקעגן שטעלן
און זייערע פלאַמען פאַרמיידן?

סיידן דעם גלות פונם האַרצן אַנטפלעקן
און וואַגן פאַרניכטונג צו קומען
און פילן דורך טויטער זאַווייע, ווי ס'וועקן
זיך טיף אין אונטערשיכט פרילינג בלומען.

ד.

נאַכט, פאַרשטום, געננג דיר טראָגן
לאַכפייגל־געזאַנג!
הינטער שוואַרצן טויטנוואָגן
וויסטע וועלט איצט שפאַנט.

כ'הער דער מענטש איז אומגעקומען
אין זיין שטרייט מיט ליכט.
ס'איז אים ערד אַוועקגעשוואומען
פֿלוצלונג אומגעריכט.

ערגעץ וויינט אויף האָריזאָנטן
לעצטער אינדערפֿרי.
הימלען וועלן מער ניט אָנטאָן
בלוי און ראָז קאָליר.

שטורעמדיק אין חלל יאָגן
וועט זיך לעצטער קלאַנג.
נאַכט, פֿאַרשטום, גענוג דיר טראָגן
לאַכפֿייגל־געזאַנג!

4-10-42

ז אָ ר א ס ט ע ר

די ענלאַכקייט פון נאָמען צו ניטשעס „זאַראַטוסטרא"*
איז ניט צופעליק.

זומער, 1942

א.

אַז זאָראַסטער איז געקומען
אין דער וועלט, דערזען די שיין,
האָט ער מיט אַ ווילדן ברומען
זיך צעשריען אין זיין פיין:

ווער האָט זיך געוואַגט צעגיסן
מיט אַזויפיל גאָלד אין וועלט?
אייביק זאָל דער חשך פליסן,
כ'האָב אויף אייביק נאַכט באַשטעלט

אויפן העכסטן באַרג אַרויף איז
ער און זיך צעוואַיעט שטאַרק:
זון, איך הייס, פאַרשווינד, די חצופה,
אָדער איך צעברעך דיין קאַרק!

יעדן טאָג פאַר לאַנגע וואָכן
אין זיין צאָרן איז ער פון
באַרג־שפּיץ ניט אַראָפּגעקראָכן
און געוואָיעט אויף דער זון.

ב.

זיצן זקנים בײַ דעם טויער
פון דער שטאָט און דרימלען קוים,
קומט דער באַרג־שומר אַ גרויער,
פון זיין פערד אַזש שלאָגט אַ שוים,

שפרינגט ער פונם פערד אַרונטער,
לאָזט אַרויס אַ גרויס געשריי:
„הערט, זאָראַסטער שלעפּט אַרונטער
זון פון טיפן הימל־בלוי!"

ס'איז אַ פּחד אָנגעפאַלן
אין דעם גאַנצן באַרגנלאַנד.
אינדרן קומען ניט צו קוואַלן,
הירשן לויפן נאָכאַנאַנד,

פייגל הערן אויף צו זינגען,
וואָלקנס און וועלדער ווערן שטום.
כ'האָב אַליין ניט וואו זיך הינטאָן
פון זאָראַסטערס ווילדן ברום!

ג.

רופט זיך אָפּ דער עלצטער זקן,
טרייסלט מיט זיין גרויער באָרד:
„האָסט אומזיסט זיך דאָרט דערשראָקן
פאַר אַ חסר־דעה וואָרט.

ס'איז פון אייביק זון געוועזן,
ס'וועט אויף אייביק בלייבן ליכט!"
און ווער ס'איז נאָר דאָרט געזעסן
האָט געזאָגט: גערעכט, גערעכט.

נאָר דער שומר האָט געשאָקלט
מיט זיין קאָפּ: איך האָב מיין פליכט
אָפּגעטאָן, נאָר יעדן זקן
וואָרן איך, אַז זיין וועט שלעכט.

ס'האָט די נײַעס פֿאַרשפּרייט אין שטעט זיך:
ס'איז זאָראַסטער אין די בערג,
און עס האָט פֿון אים גערעדט זיך
אין די גאַסן, אויף די מערק.

ד.

ס'האָבן שטעט געלעקט די וואונדן
דאַן נאָך לאַנגער הייסער שלאַכט.
זקנים האָבן הויט געשונדן
פֿון דעם פֿויער פֿאַר זײַן פּאַכט.

האָבן פֿיל פֿאַרלאָזן פֿעלדער
און געהונגערט אין די שטעט.
רויב און מאָרד האָבן געוועלטיקט
און מגפֿות — אומגעשטערט.

מיט אַ שמייכל אַ געמיינעם
צווישן אַלטע פֿוילע ציין
זײַנען טויב געווען די זקנים
צו דעם אָרעם פֿאָלקס געוויין.

און דאָס פֿאָלק איז אויסגעגאַנגען
ווי אַ קנייטל פֿון אַ ליכט
ביז עס איז צו אים דערגאַנגען —
ס'קעמפֿט זאָראַסטער קעגן ליכט.

און דאָס פֿאָלק מיט הונגער אויגן
נאָך אַ האָפֿנונג אין זײַן נויט
האָט זיך ערגעצוואו געצויגן,
ווי אַ קריך־פּלאַנץ אויף אַ פּלויט.

ה.

ווילד האָט שטורעמווינט צעבלאָזן
וואָי פון וועלף ווי אַ געשפּאָט,
ווען עס האָט אַראָפּגעלאָזן
זיך זאָראַסטער אין דער שטאָט.

אין די שפּעטע דרימל גאַסן
האָט זיך ניט געזען קיין שיין.
האָט ער זיך געשפּאַנט געלאַסן;
זאָל אַזוי דאָ אייביק זיין!

פּלוצלונג שפּרינגט אַרויס אַנטקעגן
אים אַ מענטש, געווער אין האַנט:
„וואָס טוסטו דאָ אויף די וועגן
פון מיין וויסטן הונגער־לאַנד?

מאַרש, אַוועק פון הי, פּאַרהאַסטער,
וואָס אין נאַכט ווי וואַרים קריכט!"
— שטיל, עס שטייט פאַר דיר זאָראַסטער,
דער וואָס קעמפט אַנטקעגן ליכט!

ו.

און זאָראַסטער נעמט אַרונטער
פון זיין פּאַק אַ קלייד פון גאָלד,
טוט עס אָן אויף מענטש פון הונגער
און ער זאָגט אים: האָסט געוואָלט

וואַרטן אויף אַ נייעם מאָרגן,
ווען אַ נייע זון קומט אָן,
קום מיט מיר, פאַרגעס די זאָרגן,
כ'וועל דיך לערנען וואָס צו טאָן.

מירן לאָזן זיך אויף וועגן,
לויערן אויף יעדן ראָג,
וועלן יעדן איינעם פרעגן:
זאָג, וואָס ווילסטו נאַכט צו טאָג?

מירן שעכטן יעדן איינעם,
ווער עס וועט ניט וועלן נאַכט,
ביז מען וועט אונדז ביידן קרוינען,
געבן איבער שטאָט די מאַכט.

וועלן מיר די נאַכט פון מעסער
שאַרפן ברייננגען אומגעשטערט,
און די זון וועט זיך פאַרלעשן
אין די ימען בלוט אויף ערד.

און דער הונגער־מענטש פאַרנומען
האָט אין נאַכט די ווילדע רייד
און האָט אייננגער זיך גענומען
וויקלען אין געשאָנקען קלייד.

ז.

רופט זאָראַסטרען עלצטער זקן,
רופט אים צו זיך אין געהיים:
ס'האָט צו מיר זיך קלאַנג דערטראָגן,
דו ווילסט אָנטאָן זיך אַ קרוין?

ווילסט די נאַכט פון לאַנגן מעסער
ברייננגען צו פאַרלעשן זון?
כ'קען דיך זעצן אונטער שלעסער,
נאָר איך זע, אַז דו ביסט דום.

מאַכט זאָראַסטער: מענטשןריידן,
אָבער דיר בין איך אַ פריינט.
כ'האָב געהערט דאָס פאָלק נעמט גרייטן
זיך צו קאַמף מיט זיינע פיינט,

צווישן וועלכע כ'האָב פאַרנומען
אויך דיין נאָמען, גרויסער האַר.
היינט — און איך בין גרייט צו קומען
העלפן דיר פון דער געפאַר.

פאַרן זקן האָט צעמאָלן
זיך מיט העלקייט פון דער וואָר
זיינס אַן אָפט־געזעענער חלום:
טאָג פון דין קומט אָן, ס'איז קלאָר.

און זאָראַסטער האָט דערזעען
ס'שטרעקט דער זקן אים אַ שווערד.
ט'ער געטראַכט: עס איז געשעען!
העי, מיין טרוים מקוים ווערט!

ח.

און זאָראַסטער איז אַרוים אין
מיטן מאַרק מיט בלויזן שווערד.
מענטשן לויפן, מענטשן שטויסן
זיך: געזען שוין? שוין געהערט?

שטייט זאָראַסטער צווישן עולם,
מענטש פון הונגער באַ זיין זייט:
ווער עס פאָלגט ניט מיין באַפוילן,
ווערט געקעפּט פון מיינע לייט —

שרייט ער. — איך וועל אייך דערלייזן,
וועל אייך געבן קראַפט און מאַכט.
איך בין אייער האַר און קיסר.
לעשט אוים ליכט! זאָל ווערן נאַכט!

און די שיין פון שווערד פון בלאַנקן
האָט געגלאַנצט מיט בליק פון טויט.
איז דאָס האַרץ פון פאָלק צעגאַנגען
פון די אומגעהערטע רייד.

ט.

אַרום טעמפּל אינם גאָרטן
שטייען ביימער אַלערליי.
זיצן די חכמים דאָרטן.
סודות פיל אַנטפּלעקן זיי.

זיי פאַרשרייבן אין די ביכער
די באַשיידן פאַר דער וועלט
ווי דער מענטש האָט זיך פון קריכן
אויף די פיס אַוועקגעשטעלט,

ווי ער קעמפט, באַקעמפט די חיה,
וואָס ליגט טיף אין זיין געביין,
ווי ער ציט צו הימלען פרייע,
ווערן דאָרטן גאָט אַליין;

ווי דער מענטש וועט נאַכט פאַרשטויסן,
אויסלייזן פון פלוך די ערד,
וועט אין מדבר בליען רויזן
און פאַרשווינדן וועט די שווערד.

י.

און זאָראַסטער האָט באַפוילן:
זאָל זיין יום טוב אין דער שטאָט!
מירן היינט חכמים קוילן,
כ'הער זיי מאַכן אונדז צו שפּאָט,

כ'הער זיי זאָגן, אַז ס'וועט העלער
זון נאָך שיינען אויף דער ערד,
און אין ביכער זיי באַקלערן
צו באַרויבן מיך פון שווערד.

לאָזט ער אויף טרומייטן שאַלן,
טרייבט פון הייזער קינד און קייט.
און ביים טעמפּל זיי באַפאַלן
די חכמים ווילדערהייט.

בלאַנקען מעסער אין דער לופטן,
שלעפּט מען איינציקווייס אַרויס,
מיט אַ האַנט אַן אויסגעפּרואווטער
שעכט ער אַלעמען דאָרט אויס.

פאַלט צו באַלד אַ נאַכט אָן שטערן,
ברייננגט מען ביכער גאַנצע פּעק,
און אַ פייער נעמט פאַרצערן
דעם באַשייד פון מענטשנס וועג.

ווילד ווערט פּאָלק פון בלוט און פייער,
טאַנצט אין וואַנזיניק קאָשמאַר.
שרייט: זאָראַסטער ט'אונדז באַפרייען!
ס'איז זאָראַסטער אונדזער האַר.

יא.

אין דעם עק פון שטאָט באָרדעלן
שטייען פון אוראַלטער צייט.
הורן פוכקע, פעטע, העלע
דינען דאָרט זאָראַסטערס לייט.

אַלע ווייבער פון די הייזער
טרייבט זאָראַסטער דאָ אַהער
און ער שרייט: איך וועל אייך ווייזן,
וואָס איז ווייב און וואָס איר ווערט.

לערנט זיך דעם מאַן צו דינען,
ווערן טראָגעדיק ווי קי.
נאָר אין קינד און קיך געפינען
זאָלט איר שכר פאַר אייער מי.

וואָס איז ווייב? אַ פעלד צום זייען
פאַר דער לוסט פון מאַן־סאָלדאַט.
וואָס איז פרוי? אין אירע ווייען
זאָל זיך מערן אונדזער שטאַט

ווער עס וועט ניט מיין באַפעלן
וועלן האָרכן — אונטער שווערד!
לערנט זיך אין די באָרדעלן,
וואָס איז ווייב און וואָס איר ווערט.

און די פרויען פון באָרדעלן
האָט ער אָנגעזאָגט: איר זעט
צו, אַז ס'זאָל קיין האָר ניט פעלן
פון אָט דעם, וואָס כ'האָב גערעדט.

יב.

אויפן באַרג פון אַלאַבאַסטער
איז געבויט דאָס הויז פון גאָט
האָט אַהינצו עם זאָראסטער
אויפגעזאַמלט ס'גאַנצע שטאָט.

מיטן גאָלד פון זון די פענצטער
האָבן גלאַנצנדיק שטאָלצירט,
פּריסטער אין די קליידער שענסטע
האָבן גאָט־דינסט דאָ געפירט.

האָט זאָראסטער זיך אינמיטן
פונם גאָט־דינסט אויפגעשטעלט,
זיך צעשריען: דינט צום אידן,
בהמות, זאָגט אים וואָס אייך פעלט.

גאָט אַ איד איז אַ פּאַרהאַסטער.
פּרעפּלט ליבע, יושר, רעכט.
ווער עס גלויבט אין זאַראסטרען
האַסט דאָס פּריסטערטום, גאָטס קנעכט.

און דער גאַט־שבט, די אידן,
וועלכער וואַנדערט אין דער וועלט,
שוין געגוג פון אים געליטן,
טוט מיט אים וואָס אייך געפעלט.

זעט, איך האָב אַ גאָט אַ נייעם
אייך געבראַכט פון בלוט און שווערד.
ווילט איר איך זאָל אייך באַפרייען —
רירט זיך, הויז פון גאָט צעשטערט!

האָבן פלאַמען רויט געצונדן
הימל בלוי אין טיפער נאַכט.
און דער גאָט פון אַלטע וואונדן
האָט די אויגן צוגעמאַכט.

יג.

און דאָס פאָלק איז צוגעקומען
און גערעדט ט'עס בייזע רייד:
האָסט דעם גאָט אונדז צוגענומען,
טאָ גיב דו אונדז ברויט און קלייד.

און זאָראסטער האָט געוויזן
אויפן אויסגעפוצטן מאַרק:
וואָס קומט איר דאָ טרערן גיסן?
איז דען דאָרט פאַראַנען קאַרג?

אידן פירן דאָרט דעם האַנדל.
בין איך מפקיר אייך דעם איד.
ער האָט צווישן אונדז געוואַנדערט
און זיך אָנגעלעבט וואָס ניט.

ווי אַ כוואַליע פון די ברעגן
האָט געלאָזט זיך פאַלק אויף רויב . . .
באַלד איז פונם מאַרקס פאַרמעגן
נאָר געבליבן רויך און שטויב.

אין דער גאַס פון מאַרק אינמיטן
בלוט אַ טייך אויפן אַספאַלט,
וואו עס שווימען טויטע אידן
מאַן און ווייב, און יונג און אַלט.

יד.

ס'זאָל קיין זונשטראַל ניט פאַרטראָגן
ליכט אין הייזער פון דער שטאָט,
האָט מען פענצטער פעסט פאַרשלאָגן
לויט זאָראַסטערס ניי געבאָט;

און מיט טונקעלע שפאַקולן
האָט מען יעדע אויג באַברילט,
ס'זאָל קיין ליכטשטראַל ניט דערפילן
ווער ביי־טאָג אין גאַס שפּאַצירט.

מענטש איז צווייטן פרעמד געוואָרן;
פריינטשאַפט האָט געטויט פאַרדאַכט,
אַז זאָראַסטער האָט געשוואָרן —
כ'וועל אויף אייביק ברייגגען נאַכט.

האָט ער באַלד צענויפגעקליבן
העק און מעסער, ביקס און שווערד,
האָט זיין פאָלק צענויפגעטריבן
גרייט צו איינגעמען די ערד.

נאָך די ווייטע בערג פון מזרח,
צו דער זונס באַהאַלטן אָרט,
וואו קיין מענטשלאַך פוסטראָט איז נאָך
קיינמאָל ניט געוועזן דאָרט.

וועט ער גרייכן, אַרויסרייסן
זון פון בלויער הימל־טראַכט,
וועט אויף פיצלאַך זי צערייסן
און וועט ברענגען אייביק נאַכט.

טו.

לאָזט זאָראַסטער די אַרמייען,
לאָזט זיי אויף דער וועלט אַרויס.
הונגער, פייער און טויט, און וויי'ען
לויפן זיין מאַרשרוט פאָרויס.

איבער שטעט און לענדער ווייטע,
איבער פעלד און דורכן וואַלד
טופען זעלנער־פיס פאַרשייטע
ווייטער, ווייטער, אָן אַ האַלט.

און דאָס פאָלק דאָס פרידלאַך־שטילע
פון פאַרכאַפטן נייעם אָרט
גיט ער זעלנער זיך צו שפּילן,
לערנען בעסער קונסט פון מאָרד.

קינדער, פרויען ווערן שקלאַפן,
הייזער, פעלדער ווערן פוסט.
שקלאַפן שאַפן נייע וואַפן,
שקלאַפנס שטילן זעלנערס לוסט.

און אָט איז ער צוגעקומען
צו די לעצטע העכסטע בערג,
וואָלט ער זיי נאָר איינגענומען,
וואָלט פאַרענדיקט זיך זיין ווערק.

טז.

אין די גרינע בערג די העכסטע
טראָגט זיך פריי דעם ווינטס געברום.
שיצן, שיצן זיי די בעסטע
קינדער פון „דעם פאָלק פון זון".

ס'איז אַ פאָלק אַ פרידלאַך־רואיקס.
אין די לאָנקעס פון די בערג
זייט עס, יעט און שנײַדט זיין תבואה.
דאָך געשיקט אויך מיט געווער

איז עס, ווייל אין טיפע וועלדער
וואוינען דאָרטן חיות פיל,
מיטן ביקס צו שיצן פעלדער
טרעפט דאָרט יעדערער אין ציל.

הויך און דין ווי שיפן־מאַסטן
און ווי פעלזן שטאַרק און האַרט
האָבן זיי איצט דאָרט זאָראַסטרען
מיט זיין בלוט־אַרמיי דערוואַרט.

יז.

ס'האָט די בלוט פון פילע שלאַכטן
ווילד געמאַכט זאָראַסטרעס לייט.
זייער אויסזען ווי די נאַכטן
פינצטער־דראָענד אָסיען־צייט.

איצט אין אנשטריינג־קאַמף אין לעצטן
שטורעמען זיי היים־געוואָגט,
פון פיל זיגן אויפגעהעצטע.
פאַלט פאַר זיי דער ערשטער באַרג.

און זאָראסטער קומט אַריין אין
קעניגרייך פון „פאָלק פון זון".
נאָר וואָס זעט ער? וויסטע זיינען
פעלדער. פוסט איז אומעטום.

וואו־זשע איז דאָס פאָלק ס'פאַרדאַמטעס,
האָבן זיי אים גאָר פאַרנאַרט?
העי, איר טרייע אַדיוטאַנטן,
שטורמען הייסט דעם צווייטן באַרג!

יח.

שטורעמט ער שוין טעג און וואָכן.
צו די בערג — ניטאָ קיין סוף.
ווערט זיין חילם גייסט געבראָכן:
טעג אין וועג און נעכט אָן שלאָף.

און אָט איז ער אָנגעקומען
מיטן רעשט פון זיין אַרמיי
צו אַ טייך, וואו ס'איז געשוואומען
שטראל נאָך שטראל אין גאָלדן ריי.

אויסגעשעפטע, מידע, גרויע
האָבן זיי ביים ברעג גערוט.
דאַן איז „פאָלק פון זון" פון לויער
אויפגעשטאַנען און מיט מוט

זיך אין הייסן שלאַכט געלאָזן.
לאַנג האָט זיך באַלאַנץ געוויגט . . .
ביז ס'האָט אַ טרומייט צעבלאָזן
איבער באַרגלאַנד: א ו נ ד ז ע ר ז י ג.

יט.

יענעם טאָג איז זון אַרויס אין
הימל שענער זיבן מאָל
און מיט שטראַלן פריידן גרויסע
אויסגעשפּרייט אויף באַרג און טאָל.

ערד געלעקט האָט אירע וואונדן,
זיך געהיילט אין העלער ליכט.
האַרץ פון מענטש ט'זיך אויפגעבונדן,
אַדורך ליבשאַפט אויפגעריכט.

האָבן שטעט צוריק באַנייט זיך,
חורבות וויסטע אויפגעבויט,
און דאָס לעבן האָט באַפרייט זיך
פון דער ביינער־האַנט פון טויט.

אַז די זונשיין האָט געגילדערט
אויף דער ערד מיט לויטער גאָלד,
ט'מענטש דערקענט אין מענטש אַ ברודער,
פאָלק האָט פריינט דערקאָנט אין פאָלק.

כ.

— זאָל אים היין פון זון פאַרצערן! —
איז געווען פון דין דער פסק,
און געשמידט אין קייטן שווערע
אויפן פעלז פון העכסטן באַרג,

האָט מען דאָרט אין אַנגסט זאָראַסטרען
צוגעבונדן איין־אַליין.
קיינער ווייס ניט וואו פאַרהאַסטנס
הינגעקומען איז געביין.

נאָר דער שפּור פון בלוט אין וועלטן
טראָגט זיך מיט אַ שטיל געברום
אין דער פלום פון פאָלקס לעגענדע
וועגן קעמפער קעגן זון.

דער קורגאַן

פון דער ווייטער רייסן, פון אוקראַינעס פליינען
הער איך ווילדע ווינטן ווייגען.
צווישן מערערע פּאַרצייטיקע קורגאַנען
איז אַ פרישער דאָרט געשטאַנען.
אַ קורגאַן מיט הונדערטערליי שפּאַלטן.
ווער איז אין קורגאַן באַהאַלטן?
דריי טעג האָט זיך ווילדער ווינט געשלאָגן.
שווייגט קורגאַן — וויל גאָרניט זאָגן.
אויפן פערטן איז אַ שטורעמווינט געקומען,
האָט זיך פון קורגאַן דערהערט אַ ברומען.
ערשט אַ ברום, דערנאָך אַ שטילער קלאָגן,
האָט אַ קול פון אונטערערד צו מיר זיך קוים דערטראָגן:

דאָס איז אַלץ, וואָס ס'איז פון אונדז פאַרבליבן,
שטעטלאַך אידישע, שטעטלאַך זיבן.
ס'האָבן בלאָנדע דייטשן־חיות אונדז צענויפגעטריבן
און ווי זאַמד פון ערד צעריבן.
מענער, טאַטעס אונדזערע געצוואונגען קברים גראָבן
און ביים לעבן נאָך אונדז דאָ באַגראָבן,
די באַגרעבער זעלבסט אויף צאַפּלדיקע קברים
האָט מאַשין ביקס אויסגעלייגט ווי סערפּן קאָרן.
ס'האָט די ווייטע זון פאַרשטעלט איר העלן פּנים,
ווען געהוליעט האָבן דאָ די שונאים.
שרייט דאָס בלוט פון אונטערגרונט און וויל ניט שטומען,
ביז די בייזע פלוך וועט אויפן שונא קומען:

זיינע אברים זאָלן איינציקווייז פאַרדאַרן,
זאָל אים חשך אייביקער אין אויגן שטאַרן,
זאָל קיין ליכט אים געבן זון, לבנה, שטערן,
זאָל די זרע אין זיין אינגעווייד פאַרשטיינערט ווערן,
זאָל די ערד קיין פרוכט, דער טייך קיין וואַסער געבן,
ווערן זאָל זיין זכר אויסגעמעקט פון לעבן.

פון דער וויטער רייסן, פון אוקריינעס פליינען
הער איך ווילדע ווינטן וויינען.
צווישן מערערע פארצייטיקע קורגאַנען
איז אַ פרישער דאָרט געשטאַנען.

1943

צום בלוטיקן גערמאַן

1

דער בלאַנק פון דיין פילקלינגלדיקער שווערד
ברענט פלאַמיק דיינע הענט, גערמאַנער!
דו האָסט אים אויסגעוויקט אין פעלקער בלוטן אַלערליי
און ניט געשטילט זיין זעט.

דו הערסט ווי פון דיין הוניש־אויפגעפּראַלטער ערד,
איר מויל צעעפנט ברייט דורך סטייעס עראָפּלאַנען,
אַ מאָנונג הויבט זיך אויף מיט טויטלאכן געשריי:
גיב נאָך, גיב נאָך, ס'ווערט שפּעט!

די דראָטן און די ווענט
פון לאַגערן און געטאָס שטעכן
דיין אויסמושטירטן גוף פון אויבן ביז אַראָפּ,
און נעענטער קומט אָן

פון ווייטסטע עקן וועלט אויף מיסטישן אָקרענט
דער אויפגעוואַכטער מענטשן־האָס און פּאָדערט רעכנונג
מיט באָמבעס שטעט צעשטערנדיקע: צאָל, צאָל אָפּ,
פאַר פּיין, פאַר מאַטערניש, פאַר בלוט פאַר אומשולדיקס,
איך מאָן!

בלוי־אויגיק, שווער באַלייבט דיין קאַניבאַלשע לאָרעליי,
צו וועמען דו'סט מיליאָנען מענטשלאַכע קרבנות
געבראַכט און צוגעזאָגט מיין פאָלק פאַרניכטן,
זיצט אויפן העכסטן באַרג און לאַכט,

ווי דו אַליין איצט אין דיין רוי
צעשמעטערסט זיך אָן גראַניט־גרויע בערג־קאָלאָנעס,
אויף וועמעס שפּיצן ערשטע מאַטע ליכטער
צעהעלן זיך צו ענדיקן אין וועלט דיין נאַכט.

2

די ימען בלוט, וואָס איר צאַפּט אָפּ פון אונדז,
זיי וועלן ניט באַמיסטן אייער פעלד,
ס'וועט אויסעסן די אינגעווייד פון אייער גרונטס
צעיערטער זאַפט און ס'וועט פאַרוועלקט

אויף אייביק ווערן יעדער וואָרצל גראָז.
אומזיסט וועט אייער אַקערס טעמפּער שטאָל
זיך איינשניידן אין אויבערשיכט. מיט ראָסט
וועט ער באַדעקט ווערן דורכן באַריר. אַ יעדער טאָל

וועט ווערן אַ גראַניט שטיין. אייער פּוס
צעשניידן וועט זיין שאַרף. און איר אַליין
דורך ביינער־הענט פון הונגער און פון דורשט
פאַרלענדט וועט ווערן אָן אַ שפּור אייער געביין.

ערשט דאַן וועט זון מיט הייסן אָטעם־בלאָז
די קללה אויסזויגן פון ערדס פאַרדאַרטער טראַכט,
און אַ יחזקאל וועט צעשמעלצן גרויען טויטן־פראָסט
פון לייכעס אונדזערע, באַפוילנדיק: דערוואַכט!

6-17-43

מיין זון גייט אין קריג

לייג אַרויף דיין האַנט אויף מיין אַקסל, מיין זון!
עס איז גוט צו פילן דיין מוסקול גוף אַרום מיר.
מיין אויג ווערט שוין טונקעלער אין פינצטערן ארום,
און אומזיכערער מיין טראָט דעם וועג באַרירט.

דו ביסט אויסגעוואקסן הויך און שיין, מיין זון,
און דיין מענלאכע שטאַרקייט זינגט אין יעטווידן קער.
איך הער, ווי דיין בליק פרעגט מיך אומעטיק שטום:
— צו וואָס האָט דיין בענקשאַפט געבראַכט מיך אַהער?

צי האָסטו ניט געוואוסט שוין די וויסטע וועלט?
צי האָסטו ניט געפילט לאַנג דאָס שאַרפן פון שווערד?
אָ, זון, מיין זון ליבער, פרייד פון מיין געצעלט,
אַז ווי צום טאַטנס אויער, וואָס האָט אַזוינס געהערט!

אַז ווייַ . . . ס'האָט דער מזרח זינט קינדהייט מיך פאַרפירט,
און יעדער גרויער נעפל האָט געשעפטשעט מיר—עס טאָגט!—
איז שטיי איך איצט פאַר דיר צעבראָכן און פאַרווירט,
און האָפנונג אויסגערונענע ברעכט אויס אין יאָמער־קלאָג.

1942

אַ מאַטראָס קושט זיין מיידל אויפֿן ראָג

1

אויפֿן סאַמע שפּיץ פֿונם צוועלפֿשטאָקיקן האָטעל
הענגען בלויע טרוימען פֿון אַ זומערדיקער רו.
אין אַ פֿעלד פֿאַרזייט מיט פֿוטער־בלומען געל
פֿייגל פֿאָרלאַך צווישערן טיו־טיו, טיו־טיו . . .

טראָגט אַהינצו זיך דער קוש פֿון יונגינקן מאַטראָס
דורך די ליפּן פֿון זיין מיידל אונטן אויפֿן ראָג.
אָנהויב פֿרילינג. נאַכט. אַ ווינטל בלאָזט
און פֿאַריאָגט די גרויע שטאָט, איר רויש, איר יאָג,

בלאָזט אַוועק די שיפֿן פֿונם טיפֿן אָקעאַן,
טרייבט אַוועק דעם פּחד פֿאַרן לויערדיקן אונטערשיף.
די לבנה גאָלדיקט זיך, באַפֿרייט פֿון עראָפּלאַן,
אינם שטערנדיקן הימל ווי אַ ים די טיף.

2

זון מיינער, וואָס וואַלגערט זיך אויף ראַגן פֿון דער וועלט,
ווייט אין קריג, אין בלוטיקן פֿאַריאָגט פֿון פֿאָטערס הויז,
כ'הער דיין לעצטער טראָט נאָך ווײַנט איבער מיין שוועל,
קוקט דיין בליק צו מיר פֿון דעם מאַטראָס אַרויס.

ניט קיין בליקן — שפּיזן שטעכן טיף אין האַרץ אַריין.
מיט אַרויסרוף וואַרפסטו מיר צוריק: אברהם
האָט ניט זיך נאָר יצחקן גאָר אויסדערוויילט צו זיין
פאַר אַ קרבן און אַליין געהאַנדלט אין דער קראָם.

קראָמען — לעבער פון פאַריאָגטע הונגעריקע מייז,
קראָמען — שפּינוועב־נעץ פון וועלט־פאַרהאַסטן שפּין,
וואָס האָט איר פאַרטריבן מיך צווישן קויט און לייז
ראַטעווען אייך אייער נישטיק זיין, וואָס האָט קיין זין?

נויג דיין אויער — זאָג איך — צו דער ברוינער ערד אַרונטער!
זאָג וואָס הערסטו זון?
— מיליאָנען טויט־טריט שפּאַנען.
זאָג וואָס זעסטו זון?
— אַ שטעטל פלאַקערט צונטער.
כ'וויל ניט זען מער וואָס איך זע פון דאַנען!

3

זע!
מעט צענויפגעטריבן אַלעמען — מאַן און ווייב, און קינד,
יונג און אַלט פון שטעטל דאָרט אין ווינטערדיקן פעלד.
גיט מען מענער רידלען און מען טרייבט געשווינד
גראָבן טיפע גרוב מיט ציטערדיקע הענט.

דאַרע קינדער הענטלאך קלאַמערן צעשראָקענע אָן מוטערס ברוסט.
רייסן פייניקער די קינדער אָפּ און וואַרפן זיי ווי הינטלאך הינטער
קוסט.
יאָמערדיקע מאַמעס צווינגט מען אויסטאָן קלייד און העמד
און סאָלדאַטן־לוסט צעשפּילט זיך אונטער זון־שיין גרויליק
אונפאַרשעמט.

פאַרטיק ווערט די טיפע גרוב — טוט מען אַלע אויס
און מען הייסט די ערשטע ריי אַרויסקומען פאַרויס.
גיט מאַשין ביקס באַלד אַ קנאַל פאַלט די ערשטע ריי
ביז עס ווערט מיט מתים פרישע גרוב פאַרזייט.

בלייבט אַ פלאַטערדיקער „שמע ישראל" הענגען אין דער שטילער לופט.
קומט אַ קראָ אַ שוואַרצע, קראַקעט, שרייט און רופט:
רויב־פייגל און חיות קומט אַהער און בענטשט!
מיר האָבן געזיגט! געשטאָרבן איז דער מענטש.

4

נאַכט. לבנה שטראַלן רינען
אויף פאַרהאַקטע מאַגאַזינען.
אין טראַקטיר אַנטקעגן איבער
שפּילט אַ ראַדיאָ גאַסן לידער
פאַר פאַרפאַלענע שכורים,
פאַר צעשוויצטע לעצטע הורן.
מיט געקלאַנג טראָגט זיך פאַרביי
אַ האַלב ליידיקער טראַמוויי.
נאָר דער קוש פון דעם מאַטראָס
שטערט די נאַכט־רו. אָט אַ גאָס
טאָן וועט טויט אַן עראָפּלאַן
אויף דער שטאָט באַם אָקעאַן.
וועט פאַרשווינדן רו און הורן,
מאַגאַזינען און טראַקטירן,
און אין באָמבע־גריבער וועט
זוכן שטאָט פאַר זיך אַ וועג,

ווי צו בויען אויפדאָסנײַ
לעבן, וואָס זאָל זײַן באַפרײַט
פון דעם ווילדן גאָלד געיעג,
הונגער, נויט, מלחמה־שרעק.

5

שטיל. דאָס לעצטע ליכט פאַרלאָשן,
דער טראַקטיר שוין צוגעשלאָסן.
ס'פאָרל ענג צענויפגעשלאָסן
הערט ניט ווי מיט שטילן ברומען
מאָדנע צוויי געשטאַלטן קומען.
איינער פון אַ וואָלף זײַן פּנים,
אָנגעטאָן אין אוניפאָרעם,
הויך געוואָקסן, פּלייצעס ברייטע,
זיכער שפּאַנט ער, טראַציק גייט ער
איבער דרעמלענדיקע גאַסן.
נאָך אים קומט אָן שטיל געלאַסן
איינער, קליידער ריין געלאַטעט.
פון זײַן פּנים פונם מאַטן
שטראַלט אַרויס אין נאַכט אין בלויער
אַ מין גלויבן, צער און טרויער,
און ער איילט זיך איבעריאָגן
ס'ערשט געשטאַלט. אַ שטילער קלאָגן
הערט זיך ווי ס'וואָלט ווינט פאַרטראָגן
מיטן ערשטן קריי פון הענער
אין פאַרשיידנערליי טענער
קלאָג פון
מאַסן
ראַסן
קלאַסן
גרופּעס

*) האַמאַ האַמיני לופּום
האַמאַ האַמיני לופּום
האַמאַ האַמיני לופּום
און אַ צווישנרוף אין מיט
פונם קלאָג פּליסט ווי אַ ליד
מה דעלך סניא לחברך לא תעביד*

אַנגעצויגן ווערט די לופט פאַרטאָג. ווערט שטייפער.
קלאָג פאַרשווינדט און זעאונג. ס'הערט זיך פליסן
טייכן בלוט פון ווײַטע שלאַכטפעלדער. זיי גרייפן
אָן דעם ערד־קײַלעך און איבער ראַנד זיך גיסן,
אַזש דער ווײַטער מזרח־זײַט פון הימל ווערט שוין בלייך,
שפּירנדיק די יושנדיקע בלוט צו אים דערגרייכט.

6

דער פרילינג אינדערפרי צעבליט זיך בלוי און ראָז
אין דופטנדיקן ווינטל־בלאָז און דער אַספאַלט
פון גאַס באַקומט אַ פליוש געשטאַלט. דער סוד
פון נאַכט לייזט אויף זיך אין דער שטאָט. אַ לעצטער קוש.
דאָס פאָרל שטייט פאַרחושט. פון זיי גייט אויף אין וועלט
אַ האָפענונג צעשטראַלט, צעהעלט: אָ, גלויבט, אָ, גלויבט,
אַ נייער פרילינג זיך דערהויבט אויף וויסטער ערד,
וועט אומברייננגען דעם שווערד אין ליבשאַפט שטראַלן־זון.
פון אונטער שווערן טאַנקס טשוהון אַרויס, שטיי אויף און בענטש
דעם קומענדיקן אורח, גוטסדיקער מענטש!

*) רוימישער שפּריכוואָרט — איין מענטש צום צווייטן איז ווי אַ וואָלף.
*) מאַ דאַלאַך סאַני לכאַווראַך לאָ סאַאַוויד — וואָס דו האָסט פיינט
זאָלסטו ניט טאָן צו דיין חבר.

5-14-43

שוין ווידער . . .

שוין ווידער דאָ דער פרילינג,
אַן אומגעווינטשטער גאַסט,
אויף פעלד, וואָס ליגט פאַרטיליקט
פון שווערער טאַנקען־לאַסט.

קיין פייגל קערט זיך אום אין
פאַרוויסטן נעסט צוריק.
זיי זיינען אומגעקומען
אין לופט, פון גאַז דערשטיקט.

אין קנאָספן אויף די ביימער,
צעלייגט ווי אַ געשוויר,
די יונגע זאַפטן וויינען:
„עקרים זיינען מיר!"

אַ שווינדזוכט שטראַל אַ וויסטער
לאַכט ווילד דורכן געוויין
אין טויטע גראָז, וואו ס'פליסטערט
אַ ביין צום צווייטן ביין.

און איך מיט דיר, מיין ליבע —
צוויי וואָלקנדלאַך אינם הויך . . .
די ערד האָט אונדז פאַרטריבן,
ווי ווינט פאַרטרייבט אַ רויך.

1943

אין אַן אויסלעש נאַכט

לעש אוים דאָם ליכט, אָ וועלט, לעש אוים דאָם ליכט
פון דיינע פאַלשע מוראקע עלעקטריע־לאָמפּן,
די גלאַטע וועגן און אַספאַלטן זיינען זומפּן —
עם האָבן צינד־באָמבעס אַנטפּלעקט דיין אמתדיקע שיכט.

איך האָב נאָך לאַנג צוריק געפילט דעם יושנדיקן אָקעאַן
פון בלוט, וואָס גרייכט איצט ביז די הויגע ברעגן.
איך זע מאַסיווע מויערן זיך לאָזן איבער וועגן
צו זוכן רו פאַר זיך איבערן לאַנד.

זיי שאָקלען זיך ווי שכורע מיט גלאַנצנדיקן שפּיץ
און צו דער ערד פאַרווירט זיי קראַכן,
און איבער זיי די העלסטע שטערן וואַכן
פאַרגרייט מיט ליכט, מיט שיינקייט און מיט היץ

צו אויפבויען אויף חורבות פון אַספאַלט און שטיין
אַ נייע וועלט פון פאַרבן העלסטע בלומען.
אין גוססע אַקאָרדן הער איך ווי זיי קומען
און שמייכל שוין צו זיי דורך טויטשרעק און געוויין.

דעצעמבער, 1941

אָט אָט און ס'וועט . . .

אונדזערע טעג גייען אויף אין גרויען ציטער
אויף דער איינגעשרומפּענער וועלט,
פון זוניקן דרום ביז בייזן געוויטער,
פון צפון שטורעמס און קעלט.

דאָס ליכט פון דער זון — ווי די מראה פון בלוטן
אויף שלאַכט־פעלדער, ימען און שטעט.
מיר רעכענען צייט אויף געציילטע מינוטן,
דערוואַרטנדיק אָט אָט און ס'וועט . . .

מיר רייסן אַרונטער לבנה און שטערן,
ווען ס'קומט די פאַררעטערן נאַכט.
מיר פאָרשן דעם מינדסטן גערויש צו דערהערן —
ז'עס שטאָלענער פליגל־געמאַך?

פאַרלאָרן ווי קינדער מיר לאָזן זיך פירן
צום אויסלייז? צום טויט? צום פאַראַט?
אַלצאיינס די פאַרוואונדעט־צעשרויפטע געהירן,
אלצאיינס אין די בלוטן דעם טשאַד.

2-12-42

לופט-אָנפֿאַל — סירענעס

דער ווייכער דיוואַן נעמט די קישנס צעוואָרפֿן,
דער טיפֿער פֿאָטעל האָט אַ ציטער געטאָן,
לייכטזיניקע פֿענצטער זיך פֿיבערדיק וואַרפֿן
פֿון צימער אין צימער: ס'קומט אָן! עס קומט אָן!

אַ טיר האַלט אין כליפּען — אַ בלעטל אין ווינטן
און טוליעט זיך טיפֿער נאָך שוץ אין דער וואַנט,
וואָס האָט זיך אַליין ניט אַוואו צו אַ הינטאָן
און פּרוּווט זיך באַפֿרייען פֿון דאך נאָכאַנאַנד.

און איבערן דאַך די סירענעס זיך וויגן,
און פּייפֿן געפֿאַר אויס, און פּייפֿן אויס שרעק.
צעיאָמערט זיך דאַך: וואָלט איך האָבן כאָטש פֿליגל
זיך אויפֿהויבן הויך און פֿון דאַנען אַוועק!

דער מענטש נאָר אַליין ליגט אין קעלער באַהאַלטן
און פּרוּווט אין זיין צער מיט נאַקעטע הענט
דורך טויטלאַכן שטורעם באַשיצן, דערהאַלטן
די פֿינצטערע סלופּעס פֿון זיין פֿונדאַמענט.

1942

היים פראָנט

זאָל דאַכטן זיך ס'איז גאָרנישט ניט געשען.
דער גאַס אַספּאַלטן־שפּיגל רעפלעקטירט
מאַסיווע רואיקע פיל שטאָקיקע געביייען,
און פריידיק שוועבן אויטאָמאָבילן,
גליטשן זיך טראַמווייען,
און דאָס וואָס ציימונג קעפלאך בלוטיק שרייען:
די וועלט קומט אום? . . . — אַז איך האָב דעפּאָנירט
אין באַנק אַ טויזנט צען.

די טיפע טונקל בלויקייט פון דער נאַכט צעזעגט,
צעשטאָכן פון רעפלעקטאָרס און פאַרטויבט פון
עראָפּלאַן־גערויש,
אין ראַדיאָ גסיסה כארבל וועגט פון הייזער גייען אויס,
די דעכער פליען אָפּ אַנטפלעקנדיק גאָטס הימלען
הויל, אַנטבלויזט
און וויסט איז דאָרט אפילו פאַר דער הונגעריקסטער מויז,
כאָטש נעם און לויף אין קינאָ, נאָר מיין פרוים
פיל אויסגעפּרואוווטע דינסט האָט זיך פאַרשריבן אין די וועקס*
קען מען ניט אויף הפקר איבערלאָזן ס'גוטס פון הויז? . . .

אין טונקעלע טונעלן אויף אייך־רעלסיקן מאַרשרוט
זיך לאָזן איינער קעגן צווייטן באַנען צוויי.
די מאַשיניסטן פירן, הייצן פייערן אין זיי,
אַזש ס'זעען זיך קוים די רעדער אינם איילקן געדריי
צום פונקט וואו דער צוזאַמענשטויס און אויפרייס
הונגעריקע שמאַכטן.
און קינדער אונדזערע, מיט פיין און מי דערצויגענע
אין ווייטע הייסע שלאַכטן,
זיי וועלן עס ניט אויסקויפן מיט זייער אומשולדיק פאַרגאָסן **בלוט.**

6-28-43

*מיליטער אָפּטייל פאַר פרויען.

טעקסטע אימפּרעסיעס

1

הייסע ברוינע פערד זיך יאָגן איבער פליינען ברייטע,
און די רייטער — ניט צו זען אין שטויב.
אין פרימאָרגן פריען האָבן זיך צעשאָלט טראָמפּייטן,
אַזש די דרעמלענדיקע לאַנדשאַפט האָט געגעבן זיך אַ הויב.

פונדערווייטנס עכאָן טעמפּע שווערע קייטן
אויף די ברוין און שוואַרץ קאָלירטע הענט און פיס,
הייסע ברוינע פערד זיך יאָגן איבער פליינען ברייטע,
און אויף אַלטער פעסטונג ציטערן די ווענט.

אויפן מדבר נעמט די ברכה פּרו ורבו זיך שפּרייטן,
און אין קאַראַהאָדן פריידיק טאַנצט דער ווינט.
הער עס שאַלן אין דער בלויער לופט טראָמפּייטן:
ווער פאַרברודערט ווייסער, שוואַרצער, ברוינער מענטשנקינד!

2

אין די שטעט און שטעטלאַך אויסגעזייט אויף העלע ברייטע פריירים
הער איך וויינען דינע בלוטן פון מיין אַלטן שטאַם:
ווער וועט זיין, ווי וועט ער אויסקוקן, דער יורש?
זיינען מיר דעם ברענעדיקן סנהם זיך לעשנדיקער פלאַם?

גליט אַ פּייערדיקע זון אין זומערדיקן טעקסעס,
טיילט אוים אַנדערש גראדן היץ און ליכט
פֿאַר נעגערן, מעקסיקאַנער, ווייסן האר
און פֿאַרנאַכט־צו פֿלייצט זי ווי דאָס בלוט פֿון מיינע
ברידער אין די שחיטה־לענדער פֿון דעם „אַקסיס"
איבער אָנגעגליטע בלויע הימלען, אָן קיין סימן פֿון געפֿאַר.

ליד מיינס אידישע, כ'וועל דיך ווייטער זינגען!
חורבן, אומקום, טויט זאָל מער פֿאַר דיר ניט זיין קיין צאַם!
כ'הער אין מיר אַזויפֿיל וואונדערלאַכע טענער קלינגען
אינם אַנזיכט פֿון אַ נייער וועלט,
וואו בלאַנקער שווערד וועט מער ניט שווינגען
איבערן גן־עדן־טויער פֿאַרן איבערבלייב פֿון אונדזער אַלטן שטאַם!

8-11-43

ווי לאַנג נאָך?

1

„אַז ס'וועט זיך קאָנטשען, מאַמע, די מלחמה" . . .
פאַרמאַכט די אויגן אייערע, פאַרשטאָפּט די אויערן, דאָס האַרץ
ניט צו זען די העלישע פייערן, די אומקום נאַכט, וואָס ציט זיך שוואַרץ
אויף אַלע עקן פון דער בלאָטע־ערד, ניט צו הערן
די גסיסה געשרייען, די שרעקן — עס קען נאָך חס ושלום שטערן
דעם גלייכגעוויכט פון דער אויסגעלייזדיקטער נשמה.

„אַז ס'וועט זיך קאָנטשען, מאַמע, די מלחמה" . . .
וויפיל גאָלדענע אימפּעריאַלן האָט אונדז היינט געבראַכט
אליהו הנביא פונם בלוט?
לאָמיר טאַנצן אין פאַרקעטנע זאַלן, דאַרפן שטאַרקן אונדזער מוט
אין אַ צייט אַזאַ. געווים מיר האָבן אין דעם קריג קיין חלק,
אָבער אַז מען קען דערוייל דערלויבן זיך אַ פּעטן בים
און דווקא פון אַ ווייכן בייליק
ביז עס וועט זיך קאָנטשען, מאַמע, די מלחמה.

ווי „ס'וועט זיך קאָנטשען, מאַמע, די מלחמה" . . .
מאָל מיט צונג זיך אויס די צייט פון רו און פרידן
און טייל זיך העלסטן חלום אויס, און זיי צופרידן,
אָ, דור מיינער פאַרווירטער, עס קען דאָך גראד פּאַסירן,
אַז ס'זיינען לאַנג פאַרשפּאַרט פאַר דיר די שלום־שלוה טירן
און אין דיין שפּאַן פון צייט וועט ניט קאָנטשען זיך, מאַמע, די מלחמה
וועט ניט קאָנטשען זיך, מאַמע, די מלחמה.
וועט ניט קאָנטשען זיך, מאַמע, די מלחמה.

2

דאָס בלוט דאָס פאַרגאָסענע זידט
אויף בערג און אויף פעלד און אויף שטיינער,
דאָס בלוט דאָס פאַרגאָסענע גליט,
ווי אַ פלאַם, וואָס פאַרצערט יעדן איינעם.

אייער אייגן קינד, פאַרטריבן
אויף שלאַכטפעלדער ווייטע, וועט קומען
צוריק, און אין אייערע אייגענע שטיבער
וועט איר נאָר פאַרנעמען זיין וועלפישן ברומען.

אייער הינטישע ליבשאַפט וועט זיין אים דערווידער,
ווייל פרעמד וועט אים אייגענע טאַטע־מאַמע ווערן
און שונאים — די לייבלאַכע ברידער.

פאַרביטערטער צאָרן וועט שלאקסן אַריבער דער וועלט,
ווי טויטנדיקער סם פון מיליאָנען גיפטיקע שלאַנגען,
און דער טשאַרטער פון אַטלאַנטיק ליגן וועט פאַרגעלט,
זיינע אותיות אויסגעריבענע וועלן ניט בינדן זיך אין קלאַנגען.

און אויפשטיין וועט אין יעדן הויז אַ קאַמער אויף אַ קאַמער,
און אויפשטיין וועט אין יעדער גאַס אַ שטוב אויף אַ צווייטער,
און אויסגעוואָרצלט וועלן ווערן אַלע איינגעזעצטע שטאַמען
אינם ווירבלווינט, וואָס נעמט אַריבער ערד זיך שפרייטן.

3

און דו, און איך מיין פֿאָלק מיט אונדזערע פֿאַריתומטע געזאַנגען,
וואו וועלן מיר אַהינטאָן זיך, אין וועלכע שפּאַלטן
וועלן מיר זיך קענען ראַטעווען פֿונם סם פֿון שלאַנגען
וואָס שיפּען גלייכגילטיק צו אונדזער יאָמער און געוואַלדן?

מיר האָבן זיך צעלייגט אין מיטלפּונקט פֿון שטעט
און אויפֿגעריסן לאָדן, און אויסגעלייגט פֿאַרפּוצטע קראָמען,
ביז געוואָרן זיינען מיר די לאָגישסטע צילנבּרעט
פֿאַר העק אין הענט פֿאַרביטערטע, פֿאַר שטאַנגען און פֿאַר לאָמען.

אַראָפּגעהאַקט האָט מען פֿון אונדז די שויך פֿליגל פֿון פֿרעמדן געוויק
און ראַטעווען אונדז קאָן שוין ניט קיין צוגעלייגטער נאָמען.
מיר צאַפּלען זיך אין אונדזער גורלס ענג פֿאַרצווייגנער נעץ
און יעדע האָפֿנונג מעטעאָרישע ווערט פֿאַרשלונגען פֿון די
חושבֿדיקסטע תהומען.

4-30-43

צום סאָוועטן פאַרבאַנד

מיט 25 יאָר צוריק האָסטו דעם שטיינערדיקן באָדן
פון וועלט צעאַקערט מיט דיין מאַרך און בלוט
און האָסט פאַרזייט, מיט יושר־זאַפטן אָנגעלאָדן,
אַ נייע זריעה פול מיט יוגנטלאַכן מוט.

פון עק וועלט ביזן צווייטן האָט עס אָפּגעקלונגען —
אַן אָנזאָג אויף אַ נייעם הימל, נייער ערד,
האָט אַלטער שימל זיך צעלאָזט דערטרינקען
אין פייער און אין בלוט דיין ערשט פאַרזייטע פעלד.

דו ביסט געשטאַנען טאָג און נאַכט אין לויף פון יאָרן,
געוואַכט, געהיט אַז אויפגיין זאָל אַ זאַנג,
און אָט, האָט זיך געדאַכט, וועסטו דיין קאָרן
שוין נעמען שניידן מיט געזאַנג.

דו ביסט אַרויס אין פעלד מיט בלאַנק פון שאַרפע קאָסעס
ערשט דאָ פון הינטער יעדן בליענדיקן קוסט
האָט שימל צוינלאָזער זיין גיפטיק קויל צעשאָסן
אין דיר, כּיכיקענדיק מיט מערדערלאַכער לוסט.

זיין פרייד איז אָפּגעשטאָרבן באַלד אין ענטפער שנעלן
פון בויגן, אָנגעצויגן אין דיין צווייטער האַנט,
דאָך האָסטו פאָרט געמוזט פאַרלאָזן פעלד פון זאַנגען געלע
און נעמען זיך צום שוץ פון אייגן היים און לאַנד.

שוין צוויי יאָר היינט פון שרעקלאַכסטן געראַנגל,
אין בלוט אוקינוס, וואָס צעשטורעמט וועלט פון ראַנד צו ראַנד,
ביסטו נאָך אַליך דער ליכט שטראַל אין דער נאַכט דער לאַנגער,
וואָס שטרעקט דעם זינקענדיקן מענטשן אוים אַ רעטונג האַנט.

יוני 22, 1943

מיין זון באָדט זיך אין פּאַסיפיק

1

די מאַטראַסן קליידער אויסגעטאָן ביים ברעג,
זודיקט זון פון אויבן, זאַמד פון אונטן
ס'יונגע בלוט, וואָס שפּילט אין שלאַנקן גוף און רעגט
זיך צום פאַרמעסט מיט גרינע ימען־גרונטן.

איצטער ערשט דערקען איך דיך צוריק אין וויג
ערשטע פרוכט פון מיין דערוואַכטן בענקען,
באָטש דו היטסט אויף וויסטן אינדזל, ס'זאָל דער פּאַסיפיק
זיך אַליין אין זיינע ווילדע שטורעמס ניט דערטרינקען.

זון מיינער, געדענקסטו דיין געלעכטער און דיין פרייד,
ווען איך פלעג דיך אויף די הענט אַלס קינד
טראָגן אין די כוואַליעס, וועלכע פלעגן ברייט
שלאָגן זיך אָן קאַליפאָרניעס ברעגן איינס נאָך איינס?

איך האָב דאַן געהערט שוין, ווי מען גרייט
פאַר דיין יוגנט ערגעצוואו אַ קייט,
דו זאָלסט זיכערן דעם גאָלדענעם קאַלב די שפּייז,
ס'זאָל ניט אויפגעפרעסן ווערן פון די מייז און לייז.

צוואַנציק יאָר! דריי פייערדיקע פערד,
ראַדיאָ, עראָפּלאַן און דאָס סאָוועטן לאַנד
האָבן אַלטע וועלט צעשטערט,
צוגעפירט זי צו דעם תהום, צום סאַמע ראַנד.

2

שיין צו קוקן, ווי דיין שלאַנקער גוף זיך דרייט
אינם ווייסן שוים פון שטורעמדיקן אָקעאַן,
בלאַנקענדיק אין זון. איך דערמאָן זיך, כ'האָב פאַרזייט
אין דיין גוף דעם סימן פון מיין אַלטן שטאַם.

ווי . . . איך בין פאַרסמט פון דעם געשריי פון אונדזער בלוט אין
יעדן לאַנד,
וואָס האָט זיך אָנגעהויבן קערן מיטן פנים צו דער זון!
וויפיל ווייטיק, וויפיל פיין און וויפיל שאַנד —
מיין ירושה און אויך דיין ירושה, ליבער זון!

בעסער טראָגן שטיל. ניטאָ פאַר וועמען אויסשטעלן די וואונד.
טויב און שטום ווי זייער גאָט איז זייער האַרץ.
וועט די זון אַמאָל דערשיינען ליכטיק העל און רונד
צו צעשמעלצן באַרג־גראַניט און היגל־קוואַרץ?

דו, דו דאַרפסט זי ברענגען. יעדער דור
ציט זי נעענטער אַרונטער צו דער ערד.
דו האָסט ראַדיאָ, עראָפּלאַן און ווייס דער גוטער יאָר
נאָך וואָס. דאַרף שוין ניט געווערן, וויפיל ס'האָט געווערט.

3

ס'איז דער ברעג־זאַמד דאָ ניט הייסער פֿון דיין בענקען
נאָך אַ שטילן ווינקל פֿון אַ צאַרטער היים.
נאָר די גרינע כוואַליעס רוישן, כוואַליעס שווענקען
און פֿאַרשווענקען לעצטע ליכט פֿון זון, וואָס האַלט ביים אונטערגיין.

נאַכט קומט אָן. האַלט איין דעם פֿלוס פֿון טרערן.
כוואַליעס צינדן פֿייערלאַך — בשורות פֿון דער ליכט,
וואָס וועט מענטשן־פּרעסערישע קאַלכאויוונס צעשטערן
פֿון דער ערד. איצט הער איך ס'רופֿט די פּליכט

דיך. קלאַנגען פֿון טראָמפּייט אין נאַכט.
און אין פּיין, וואָס טריפֿט מיט סם אין טיפֿסטן טיף,
זע איך דיך — דו פֿירסט אויף כוואַליעס שוימיקע אין דער מיט פֿון
שלאַכט
אַ פֿרימאָרגן ריינע זון אין וועלט אויף דעק פֿון פּאַנצער־שיף.

נאָוועמבער, 1944

הערסט?

הערסט? — אַ טרומייט!
קומט אָן דער זיג?
די זון פאַרגייט
אין שלייף פון שטריק.

די זון פאַרגייט
אין אויוונס פלאַם,
וואו ס'ליגט אין אַש
פאַרברענט מיין שטאַם.

די זון פאַרגייט.
ס'ווערט הושך שטאָק.
וועט קומען נאָך
דער נאַכט אַ טאָג?

אפריל, 1945

ס ק י ד ר אָ ו

דער גליטש וועג . . . . . .

אַמעריקע, 1940

וויזאַווי

אין שמאָלן בליק פון סון־טשון־לינג
זיך שפּיגלט ניט זיין וועשעריי.
מעכאַניש פּרעסט ער העמד נאָך העמד
און קוקט אויף פּעק פּאַפּירן־בליי

אויף ראַם פון פענצטער. טעג נאָך טעג
געקליבן זיי אויף מיסט פון גאַס
פון פּוסטע פּאַפּיראָסן־פּעק
אויף שכנים'ס וואונדער: משוגעת! —

נאָר סון־טשון־לינג האָט ניט געזען
דעם שפּאָט. ער איז גאָר דאַן געווען
ביים ברעג יאַנגצע, דאָרט וואו עס פליט
יאַפּאַנישער כונבוז און שיט

אַרונטער טויט, פאַרוויסטונג, בראַנד
אויף זיין געליבטן כינע־לאַנד.
פון ווייטן פּרעמד פּאַפּירן־בליי
ער שיקט צו הילף זיין לאַנד געטריי.

* * *

אַנטקעגן ליגט דער גרויסער הויף
פון קאָהן און זון, מיט ברויך געפּאַקט,
און אויטאָס אָנגעלאָדן פול
זיך לאָזן צום פּאַסיפיק־טראַקט.

דעם ברוך האָט אויסגעקויפט יאַפּאַן,
באַצאָלט מיט ריינע רענדלאך גאָלד
צו שמידן טאַנקען, קוילן, מאָרד —
אַ קייט אויף האַלדז פון כינע־פאָלק.

און וויזאַווי אויף פינפטער גאַס
אין איצט נאָך שטילער שטאַטן־שטאָט
גייט אָן דער קאַמף: פאַפירן־בליי
אַנטקעגן אייזן, שטאָל און גאָלד.

די רויטע פּעשקע

די רויטע פּעשקע קומט צום ראָג
אַהער אַ יעדן טאָג. און טראָגט
אַ פּאַק מיט צייטונגען. זי שטייט
אַ קליינס, אַ שמייכלדיקס, צעווייט

די רויטע לאָקן אינם ווינט,
און מיט אַ שטימע פון אַ קינד
„קויפט אַרבעטער צייטונג" שלאָגט זי פּאָר.
עס לאָזט זיך אויס, אַז זי איז גאָר

פון איר פּאַרטיי אַהער באַשטימט.
די רויטע פּעשקע איז באַרימט —
אַ שטילער, מוטיקער פּאַרשוין!

אין קורצן לעבן אירס האָט שוין
געזען זי פּיין און לייד, און נויט.
איר טאַטע־מאַמען האָט געטויט
אַ באַנדע אין אוקריינער שטאָט.

די קרובים אירע אויסגעראָטן,
האָט זי געטראָגן זיך אין וועלט —
אַ האַרבסטיק בלעטל, אויסגעשטעלט
צו רעגן־קויט, זאַווייע־צאָרן
אין דור פון גרויל, וואָס האָט פאַרלאָרן
זיין אַלטן גאָט און האָט אויף ערד
געבראַכט די מאַכט פון קנוט און שווערד.

איז שטייט זי דאָ ביים ראָג פון גאַס
אין קאַמף מיט גוואַלד, אין קריג מיט האַס.
זי זעט אויף בלעטער פון פּאַפּיר
קומט דער דערלייזער, און ער פירט
די זון פון הויכן הימל־בלוי
צום האַרץ פון יעדן מאַן און פרוי.

כ ו אַ נ י ט א

כואַניטא טראָגט אויף האַלדז אַ זילבער־צלמל,
אויף אים דער תלוי אַ נאַקעטער הענגט.
זי זינגט אין טונקעלן פּיטס קאַפּע־הויז
ניגונים מעקסיקאַנער תאווהדיק־פֿאַרבענקט.

כואַניטא בליצט מיט גרויסע ברוינע בליקן:
געהיימע פייערן פון תמוז נעכט;
און לאָזט זי די וויעס אַרונטער, איז ווערט זי
אַ הייליקע בתולה, פון זינד ניט פֿאַרשוועכט.

כואַניטא צעשמייכלט די ציינער די ווייסע.
אַנטקעגן דעם שמייכל ווערט גרינג יעדע לאַסט.
אין נאַכט שעהן שפּעטע זי טיילט זיך מיט פּיטן
מיט געלט־פּעקל־רויב פון אַ שכורן גאַסט.

די טעג דאָ פֿאַרשווינדן אין רויך פון מאַריהואַנע,
די נעכט דאָ דערטרונקען אין לוסטן און ויין,
נאָר זונטיקס אין ווייסנס געקליידט, ווי אַ כלה,
זי גייט אַ דערלייזטע אין קלויסטער אַריין.

דער נעגער דזשים

װער קען דאָ ניט אין גאַנצער גאַס
דעם נעגער דזשים, װאָס טרײַבט נאָר שפּאַס,
און פּוצט די שיך און גיט אַ זונג?
מען האָט אים ליב דעם נעגער יונג!

פון דרום־שטאַט איז ער אַהער
געקומען. דאָרט געלאָזט האָט ער
אַ ברודער אױף אַ בױם פאַרברענט
פון װײַסן מאָב און אַ פּיר װענט

פון חורבה־הײַזל. דורות־לאַנג
געלעבט האָט דאָרט זײַן שװאַרצער שטאַם,
געבױגן קאַרק פאַר װײַסן פאַן.
נאָר ער ט'זיך בײגן ניט געקענט,

האָט ער פאַרלאָזט זײַן הײמיש פעלד
צו זוכן פרײַהײט אין דער װעלט,
דאָך װאו ער גײט און װאו ער שטײט
זײַן װעג פאַרלױפט אים שװאַרצע הױט.

דער שיך פּוצער, דער נעגער דזשים!
קומט מיטאָג־שעה איז עס פאַר אים
אַ פּלאָג. װאוהין זאָל ער ארײַן
אַ בים טאָן? אַז אין רעסטאָראַן

אַ שילד הענגט סאַמע אין דער מיט:
מיר נעמען זיך די רעכט צו ניט
באַדינען ווער אונדז ניט געפעלט.
דזשים ציילט אין קעשענע דאָס געלט

און לאָזט זיך צו דעם דזשעפּ אין שיינק.
נאָר דאָרט אויף איינעם פון די בענק
טרינקט הענקאָק דזשאָן פון פרי ביז שפּעט,
ער מאַכט: „לאָ, דזשים, דו שוואַרצער שד!

געהערט? שוין ווידער אַטאַקירט
אַ ווייסע פרוי! איר, שוואַרצע, איר!
באַדאַרפט אייך הענגען גרויס און קליין!"
דזשים ענטפערט ניט. אַ קריץ מיט ציין
ער לאָזט זיך גיין צוריק צום טיר.

יאָמאַטאָס שענק

ס'איז פריילאך אין יאָמאַטאָס שענק.
באַזעצט די טישלאך און די בענק.
יאָמאַטאָ שמייכלט גאָרגלענדיק,
זיין בודאַ־ווייבל הין־צוריק

לויפט אום מיט פלעשער ביר און וויין.
און מעגי בלאָנד און פול מיט קלייען
דאָ „שימאַיט" צו דעם קלאַנג פון פלייט,
וואָס קוויטשעט הויך און זיך פאַרגייט
פון באַסיקן טראָמבאָן באַגלייט.

אין אָונט קומט אַהערצו אָן
דער בלאָנדער קאַרל, אָנגעטאָן
אין כאַקי־פאָרמע. קאַרל זינגט
דאָס הייסטע, נייסטע ראַדיאָ־ליד
און רעדט צום עולם וועגן איד:

— אויף מיין סטריט — זאָגט ער — **חברה בייט**
פון טיר צו טיר און זעט ווער שטייט
אין קראָמען פול, מיט וואָס איר גלוסט?
דער איד! עס איז שוין לאַנג באַוואוסט,
אַז זיין נשמה איז נאָר געלט,
מיט דעם באַהערשט ער גאָר די וועלט. —

ער הייסט יאָמאַטאָן שטעלן ביר
פאַר אַלעמען. און מעגי רירט
זיך ווידער גיך אין מיטן שענק
מיט גרויסן גוף אַרום די בענק.

אין „מישן"

דאָ איז די קראָם פון יעזוס קריסט,
כאָטש ער אַליין זיך ווייט פאַרשליסט
אַהינטער זיבן שווערע טירן
פון רייך־באַפּוצטע מאָנאַסטירן;
פון דאָרטן וואַרפט ער אונטער שפּייז
פאַר אָט דעם הונגעריקן קרייז,
וואָס זיצט דאָ אויף די ביינק, צעריסן
די קליידער, גופים, האַרץ, געוויסן
און זוכט אין פינצטערניש געדיכטן
אַ וועג די ריסן צו פאַרריכטן —
איז דאָ די קראָם פון יעזוס קריסט.

אַ רייכע דאַמע זיך צעגיסט
אין הללויהס און געזאַנגען
צו דעם, וואָס האָט פאַרזאָגט צו פאַנגען,
ווי פיש, אומשולדיקע נשמות
פאַר עולם־הבאס וועגן, אמן.
און אָט כאַפּט אונטער פידל, פלייט,
אַ זאַטער אַלטיטשקער צעגייט
זיך, טאַנצנדיק אויףביידע פיס:
„אין יעזוס גלויבט! ווי גוט עס איז!
„פאַר יעדערן, וואָס איז אין נויט,
„האָט ער געליטן באַ זיין טויט,
„כאָטש ער לעבט אייביק און אויך איצט
„איך זע אים. דאָ אין זאַל. ער זיצט.
„איז עפנט אייער האַרץ, באַשווערט
„פון פּיין און לייד, ווייל יעזוס הערט".

אַ שאַרפער קוויטש . . . ס'איז מאַרטאַ האָל.
אָ, העלף מיר! — וויינט זי אויף אַ קול
און קלאַפּט איר שטערן אין דעם דיל.
זי פילט עס נעענטערט צו איר שטיל
איר דזשאַן פון פינצטערער קוילן־שאַכט,
וואו גאַז האָט יונג אים אומגעבראַכט . . .
זי כליפּעט . . . שלוכצט . . . און הערצער פיל
איצט וויינען מיט מיט איר אַרום
און צלמען זיך לאַנג און פרום.

דאַן הויבט מען אויף זיך שטומערהייט.
דער הונגעריקער עולם גייט
צום טיש, געגרייטן דאָ דערביי,
וואו שיסלאַך זופּ פאַרטיילט מען פריי
אין נאָמען פון הער יעזוס קריסט
צום בלודנעם מענטש פון שטאָטיש מיסט.

אין קלייד פון ווייסן ליין

אַ רויטע שילד אויף שפּיץ פון רויטן שטאַנג,
צעווייעט ער אין לופט אין באָרוועס שטאָלצן גאַנג;
אַ רויטע סטיינגעלע אויף קודרעס גרויע האָר,
און איבער ברייטער ברוסט אַ לאַנגע ווייסע באָרד;

פון ווייסן ליין זיין קלייד, ווי ס'וואָלט אַ נביא זיך באַוויזן אין דער גאַס
און וואָלט געגומען שטראָפן דאָ מיט אימפּעט און מיט האַסט,
אַזוי־אָ שפּאַנט ער גלייך און שטיל דורך האָוועגדיקער שטאָט,
באַלייט פון בליקן, אָנגעשפּיזט מיט וואונדער און מיט שפּאָט.

און יעדערער דערפילט: אומזיסט איז ראַשיקער געיעג —
ווי ברייט צי שמאָל עס איז דער וועג, האָט יעדער וועג — אַ ברעג —
און ווייסער אויסגעשריי אויף רויטן שילדל דראָט:
אָ, מענטשנקינד, פאַרפייניקטער, אַנטלויף פון גרויער שטאָט!

און אָט, פאַרשווינדן מויערן. אַ לינדער ווינטל בלאָזט.
צעשפּרייטן ריהות זיך אַרום פון פעלד, פון בוים, פון גראָז,
פון יעדנס האַרץ שטראַלט אויס אין וועלט אַ לעכצנדער באַגער:
בין מיד אַזוי. איך בייגק נאָך רו. אַביסל רו ניט מער.

נאַכט-האָטעלן

אַלע לאָמפּן העל צעצונדן אונטן דאָ אין גאַס.
איבער שענקען, רעסטאָראַנען נעאָן-שילדן ווינקען.
בלויז אויף טירן פון האָטעלן שפּרייט זיך בלאַס
אַן אײנציק לעמפּעלע אויף שילדל: „צימערן צום דינגען".

איז מעג זיין אַ לעגענדע נאַכטיק בלויער הימל
און מאַטאָווער לבנה-שיין, און בלישטשענדיקע שטערן —
די פרילינג־לופט הויכט אויך אויף פליעסנע און אויף שימל
און ליבע-זויי צו פילן — דאַרף מען קיין נאַכטיגאַל ניט הערן.

איז „צי מיך וועל איך דיך דעריאָגן" זינגט דאָס בלוט
דורך בלויען אַרבעט-קלייד פון לאַסטן-אויטאָ טרייבער,
פון שוואַרצע אַרבעטער, וואָס זוכן איצטער רו
נאָך לאַנגן זונענטאָג פון שווערער מי. זיי בלייבן

דאָ אין גאַס און לאָזן זיך מיט שפּאַס אויף רויטע טרעפּ.
אַ הייסע לאַווע פלייצט דאַן וואונדער אין די טונקעלע קאָרידאָרן,
וואו מוידן אָנגעפּודערטע ווערן ליכטיקע שולמיתן מיט גאָלדן ברוינע
צעפּ,
דורך וועמען פאַן פייכט אוים זיין ליבע-ליד אויף פייפל און אויף האָרן.

מאַטראָסן

פּאָנען ברייטע פלאַטערן: ווייס און בלוי, און רויט.
אויסרופן אויף פענצטער, הייזער, ווענט און פּלויט:
ווילקאָמען, מאַטראָסן! ווילקאָמען, דער פּלאָט —
ס'איז אַ שיף געקומען אין האַפן פון דער שטאָט.

קומען אָן מאַטראָסן: ווייסע היט אויף קעפּ,
טונקל־בלויע קליידער, גלאַנץ פון מעשן־קנעפּ —
טראָגן זיי אָן ריחות — ימענס ווייסער שויב —
ביינקשאַפטן אויף גרינע כוואַליעס אויסגעטרוימט.

לאָזט זיך באַלד אַ כוואַליע אַרונטער אויף דער גאַס,
ווערן די טראַקטירן פול געזאַנג און שפּאַס,
פלאַטערן אום מיידלאַך, רויט און שוואַרץ, און בלאָנד,
פירן זיי מאַטראָסן יונגע אונטער האַנט.

— מיידעלע דו קליין, וואו פירסטו מיך אַוועק?
— אינגעלע, דו ביסט אַ שיף, וואָס בײנקט צום ברעג.
— ניין, אַ כוואַליע בין איך, וויג זיך אָן אַן עק.
— בין איך די יבשה פון כוואַליעס אויפגעוועקט.

ערגעץ שטייט אַ שיף אַ כמורנע, אָנגעשטריינגט און שטייף,
וועט זי באַלד די לופט צעשניידן מיט אַ שאַרפן פייף,
וועט זי באַלד צערעווען זיך: געוואַלד שוין, גרייט, זייט גרייט,
שטומען וועלן קושן און פלום פון ליבע־רייד.

אָבער איצט . . . דערווייל . . . געבליבן איין מינוט:
נאָך אַ טאַנץ אַ לעצטער פאַר יונג־באַרוישטער בלוט.

דזשינגאָלאָ און דזשינגאָלי

דזשינגאָלאָ און דזשינגאָלי,
סערפּאַנטין און בלומען —
זיינען די סאָלדאַטן היינט
אין דער שטאָט געקומען.

גלעזלאַך קלינגען אין די הענט,
הערן ליידיק פלאַשן.
מעד אין די קריגעלאַך,
געלט אין די טאַשן.

דזשינגאָלאָ און דזשינגאָלי —
די אָרקעסטרען שפּילן.
מיידלאַך שוועבן רונד אַרום
אויף געוועקסטע דילן.

ליבע פליסטער, שטילע רייד,
קאָמפּלימענטן, וויצן.
די סאָלדאַטן וועלן אונדז
פון דעם פיינט באַשיצן.

שטייט דער פיינט, היט דער פיינט
הינטער יעדן טויער,
לאָזט זיך אויף דער שטאָט אַראָפּ
נאַכט — אַ שוואַרצער טרויער.

ליכט ווערט אויסגעלאָשן באַלד,
די אָרקעסטרען שטומען.
זוינט צעטראָגט אויף גאַסן ברייט
סערפּאַנטין און בלומען.

שווערע וואָלקנס קומען אָן
פּרעסן אויף די שטערן,
פאַלט אַראָפּ אַ מבול פון
רויטן בלוט און טרערן.

דזשינגאָלאָ און דזשינגאָלי,
סערפּאַנטין און בלומען,
זיינען די סאָלדאַטן היינט
אין דער שטאָט געקומען.

טריט אויף סקידראָו

טרעטן טריט אויף טראָטואַרן,
טרעטן טעמפּ אויף דעם אַספאַלט.
טריט — סיגנאַלן פון געפאַרן,
טופּ — אַ ווידערקול פון גוואַלד.

טריט, וואָס טרעטן און צעטרעטן
אין דעם מאַטערדיקן גאַנג
גרינע לאַנען, ווייכע בעטן,
שטיינער־ווענט און שטאָלן־שטאַנג.

טוען שטילע מאַמעס בעטן:
— קינדער שלאָפן דאָ אין שטוב,
נאָר די טריט זיי טרעטן, טרעטן
טראָציק העכער: טופּ און טופּ.

אין צילינדערס און שטיוולעטן
קומען פיינע, קלוגע לייט
און זיי בעטן ניט צעטרעטן
פרייהייט, דין און מענטשלאַכקייט.

טויבע טרעטער הענט צעפירן:
האָטס געהערט אַזאַ מין שפּראַך?
קלוגע לייט אין האַרץ דערשפּירן
פון די טריט אַ ווילד געלאַך.

קומט אַרונטער גאָט פון הימל:
קינדער, קינדער, זאָגט וואוהין?
נאָר אין טופּענס שווערן טומל
קלינגט גאָטס קולכל שוואַך און דין.

טרעטן טריט אויף טראָטואַרן,
טרעטן טעמפּ אויף דעם אַספאַלט.
טריט — סיגנאַלן פון געפאַרן,
טופּ — אַ ווידערקול פון גוואַלד.

פאַרן לאָמבאַרד

דריי באָלן העגנגען אויף דער טיר,
און פאַר דער טיר — דער קרעמער.
אין גאַס איז ער דאָ דער באַנקיר.
פּעלט אויף אַ טרונק אוים ווערמען —
אַריין אַהער אין דעם לאָמבאַרד
מיט ווערטפולן, מיט לעצטן:
„דער איד געווים האָט אָפּגענאַרט.
דאָך פּאָרט דאָס מויל באַנעצן
פאַראַן מיט וואָס. נו, ניט געגוג,
באַדאַרפט שוין נעמען מערער,
נאָר גיי, אַ איד, איז ביטרע, קלוג
און אויף דער פּעני שווערער."
נאָר יאָסל גרין דערהערט ניט וואָס
דער שיכור מורמלט אונטער.
ער האָט זיין אייגענעם פאַרדראָס:
אָט שטייט ער ווי אַ הונט דאָ
שוין יאָרן. עסט זיין אָרעם ברויט
פון שוואַכקייט מענטשלאַכער, פון נויט,
אַז אָפּטמאָל שעלט ער זיך און וועלט,
וואָס האָט אים דאָ אַוועקגעשטעלט.
אַ טרייסט (משיחס ניי־געשטאַלט),
אַז אָט וועט אָנקומען די צייט
און יעדעם לאַנד וועט ווערן באַלד
מיט יושר פול, מיט ערלעכקייט.

און ער (אָ, זיסע, זיסע טרייסט!)
וועט אויך דאַן ווערן אויסגעלייזט.
זיין גאַנצער לעבן קומט אים פאָר
אַ לויפעניש פון אַ געפאַר,
וואָס יאָגט אים נאָך פון יאָר צו יאָר,
און ער, מיט אויגן, פול מיט צער,
זוכט, ווי אין מבול נחס טויב,
די רו, וואָס ווערט פון אים גערויבט.
שוין זייער יונג געוואָרן פרעמד
איז אים די עלטערנס פיר ווענט,
דער חדר, שול און קראָם, און מאַרק,
געקלעטערט אויפן שטעטלס באַרג
און דאָרט געזעסן שעהן לאַנג,
געזוכט אין וויטסטן הימל־ראַנד
אַ נייע וועלט פון רו און פרייד,
וואָס מוז פאַר אים זיין ערגעץ גרייט.
דאָרט פלעגט ער זינגען אויף אַ קול:
„ישראליק קום אַהיים צוריק",
געחלומט ס'פאָרט אין ארץ ישראל
דאָס אידיש פאָלק געניסן גליק.
געוועזן אַלט אַ צענדליק יאָר
איז ער און פאַר בר מצוה גאָר
האָט אים זיין טאַטע אין אַ קלייט
באַשטעלט. און יעדן אויפדערנאַכט
געגאַנגען איז ער שטיל, פאַרטראַכט
צום מילנערס הויז, וואו „חברה" גייט.

דאָ, אין דעם מילנערס שטילן הויז
האָט יוגנט ראַשיק אויפֿגעברויזט
מיט רוף פֿון צייט, מיט פֿריי־געמיט,
מיט „ליד פֿון קאַמף, וואָס קלינגט ווי קייט
פֿון דעם פֿאַרשקלאַפֿטן קריסט און איד".
נאָר באַלד איז אָנגעפֿלויגן האַרבסט
און האָט דעם זומער ווייט פֿאַרטריבן.
און אַלץ, צו וואָס ער האָט געגאַרט.
האָט דער פּאָגראָם אין שטויב צעריבן.
פֿאַרלאָזן האָט ער יענע נאַכט
דאָס שטעטל, וואו ער האָט פֿאַרבראַכט
זיין קינדהייט. יוגנט, און אין וועלט
אַוועק צו זוכן רו־געצעלט.
אַזוי האָט אים דער וואַנדער־וועג
געבראַכט ביז צו דעם היגן ברעג.

אין נייעם לאַנד, אין פֿרייען לאַנד
אַ פֿרעמדער שאַרט זיך באַ אַ וואַנט:
זאָגט, ווער וואוינט דאָ און ווער וואוינט דאָרט
און וואו איז דאָ פֿאַר מיר אַן אָרט.

אין נייעם לאַנד, אין פֿרייען לאַנד
און קיינער שטרעקט ניט אויס קיין האַנט
אין גרויסער שטאָט פֿון שטאָל און שטיין,
נאָך ערגער ווי אין וואַלד אַליין.

געפֿונען וועג אין ניי־פֿאַבריק
און דאָרט געזעסן שווער־דערדריקט
פֿון הונגער לוין און סטרייקס. און סלעק.

און יוגנט טרוים, וואָס איז אַוועק.
און יוגנט טרוים, וואָס איז אַנטרונען
אין זשום און רויש פון ניי־מאַשינען.
נאָר איינמאָל אין דעם יוניאָן זאַל
צוויי אויגן האָבן זיך צעשטראַלט
צו אים מיט ליכט פון הימל־בלוי.
ער האָט דערפילט — די רופט מען פרוי.
אינגיכן האָט מען אין פאַבריק
געטרונקען און געוואונטשן גליק.
אין איינגע צימערלאך אין צוויי
האָט ער אַ לעבן דאָ פאַרזייט,
געציטערט איבער שטילן גליק
דורך פראַצע טעג אין דער פאַבריק.

דערווייל איז זיך די צייט געפלאָסן
מיט ראַש און רויש ארונטער שטראָם.
איירָאָפּע האָט איר בלוט פאַרגאָסן
אין פעלד פון פלאַנדערס און אַראַגאָן.
איז אידנוויי געוואָרן גרעסער
אין ליטע, פוילן און ראַסיי,
צעהוליעט האָט זיך קנוט און מעסער
פון לעמבערג ביז סיבירער שניי.
די אַלטע וועלט האָט זיך געראַנגלט
אַנטקעגן אומבאַשטימטן גאַסט,
און אַלטע טרייסט האָט זיך פאַרוואַנדלט
אין שימפּענדיקן ברודער־האַס.

און דאָ האָט זיך אַ רוף צעטראָגן:
אַריין אין אידן לעגיאָן! —
האָט יאָסלען באַלד אַוועקגעטראָגן,
ווי ס'טראָגט אַ כוואַליע אָפּ אַ שפּאָן.
אויף הייסע פּאַלעסטינער זאַמדן
געשטאַנען איז ער אויף דער וואַך,
געחלומט: נאָך אָט דעם געראַנגל
זיין פאָלק, זיין לאַנד צוריק דערוואַכט!

און אָט! — דער פאָרהאַנג איז אַרונטער
אויף לעצטן אַקט פון בלוט און מאָרד.
ער איז צוריק אַ האַלב־געזונטער
געקומען אין זיין אַלט ניו יאָרק,
וואו ס'איז דאָס לעבן זיך געשוואומען
אַ טייך אין זיין באַשטימטן בעט.
„האָט איר געהערט קאַנאָנען ברומען?"
מעט ניט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט.
זיין פּלאַץ אין ניי־פאַבריק פאַרנומען
איז אַליך אַרום געוואָרן פוסט.

עס זיינען הוילע טעג גערונען,
און נעכט האָט אים געשטיקט אַ הוסט.
דאָקטוירים טאַפּן האַרץ און לונגען
און הייסן אים ער זאָל אַוועק.
אַזוי איז ער געווען געצוואונגען
אַנטרינען צום פּאַסיפיק ברעג.
די סאַנאַטאָריע פאַר לונגען־קראַנקע

האָט גאַנג פון צייט אים ניט פאַרשטעלט.
עס האָט אין רוסלאַנד זיך געראַנגלט
אין טייכן בלוט אַ נייע וועלט.
דורך פּיין, דורך אייגענעם געציטערט
האָט ער: קומט אָן דער נייער טאָג?
און זיך געטרייסט אין נעכט פון פיבער:
עס עקט די נאַכט אין וועלט. עס טאָגט!

ער האָט געטאַנצט, ער האָט געזונגען,
ווען ער איז פון שפּיטאָל אַרויס.
עס האָבן פריינט פאַר אים געדונגען
אַ קראָם צו לאַטן ראָק און הויז.
געווען אַ צייט פון גרויסער שפע
אין יענע טעג דאָ אינם לאַנד,
און וואַקסנדיק האָט ער געעפנט
פון קליידער אַלטע אַ לאָמבאַרד.
און ביסלעכווייז איז וועלט פאַרשוואומען.
מיט שווערן לעבן זיך באַהעפט,
און טאָג ווי נאַכט געווען פאַרנומען
מיט ווייב, מיט קינדער, מיט געשעפט.
ער האָט שוין דאָ אַ הויז אַן אייגנס
און זין אַ מעדיק און אַ דענטיסט,
נאָר ער איז אַלץ נאָך אונטערוועגנס,
די צוקונפט שפּרייט זיך פוסט און וויסט.

אָט איצט ביים סוף פון שווערן לעבן,
דאָ ביי דער טיר פון גרויער קראָם
ער פילט, ווי בייזע כמאַרעס שוועבן
און עפענען פאַר אים אַ תהום.
פון אַלע עקן וועלט זיך הויבן
בלוט-כוואַליעס פרישע אויף מענטש און איד.
אַ מבול בליי פאַרפלייצט פון אויבן
און קאַלטע ערד צינדט אָן די טריט.
זיין יעדע האָפנונג נעמט צערינען
אין האַס-געוואַי אויף גאָר דער וועלט.
ער האָט דאָך נאָר געוואָלט געפינען
אין ערגעץ וואו אַ רו-געצעלט.
זיין בליק הויבט אומרואיק אָן צו וואַנדערן
אַלץ ווייטער פון דער גאַס אַרום.
ער זעט איין וואָלקן צו דעם אַנדערן
זיך טוליעט שוואַרץ. אַ שטורעם קומט.

שטילע טענער

מיטן בליאַסק פון קאיאר

יעדן טאָג מיטן בליאַסק פון קאיאר
ווערט געבאָרן אַ ליד אין דער וועלט,
און עס וואַנדערט פון בערג אינם טאָל,
איבער טייך, דורכן וואַלד, אינם פעלד.

און זיין בענקשאַפט פילט אָן בלויע לופט
מיט די בשמים פון יעטווידן בלום,
און עס זוכט: עס וויל טרעפן אַ האַרץ,
וואָס גייט אויס נאָך געזאַנג — און איז שטום.

אַזוי וואויל צו דער וועלט יענעם טאָג,
ווען דער גליקלאַכער טראַף זיך טרעפט,
און דאָס מידע, דאָס בענקענדע האַרץ
מיטן וואַנדערער־ליד זיך באַהעפט.

5-27-41

דער זיגל

דער חותם פון גאָט איז אמת

דער זיגל איז געווען אַן אַלטער זיגל.
עס האָט אים יעדערער געהאַלטן אין דער האַנט.
מען האָט געקענט אין אים באַמערקן אַזאַ ציגל־
שריפט, וואָס איז שוין קיינעם ניט באַקאַנט.

די צייכנס האָבן זיך געריסן צו אַנטפּלעקונג,
ווי ס'וואָלט אין זיי געווען אַ טיפער סוד.
זיי האָבן שוין אַזויפיל ליכט פון אויגן אויפגעגעסן
און אויסגעבערענט אַ וואַלד מיט קינלאַך האָלץ.

ביז ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז נאָר דאָס ריינע זונליכט
וועט ווייזן דייטלאַך צייכנס און באַטייט.
האָט מען געקלעטערט אַף די העכסטע שפּיצן
און זיך געשטאַרקט — דער מאָרגן איז ניט ווייט.

נאָר ס'איז געווען אַ נאַכט וואָס האָט געדויערט יאָרן,
און דער פאַרמאָרגן האָט גאָר קומען ניט געקענט,
און אָפּגעריבן־טונקעלער געוואָרן
איז די שריפט אין וואָגל איבער הענט.

איצט האָבן קלעטערער אין מיטן פון די וועגן
פאַרפּלאָנטערט זיך און קענען ניט אַרויס.
עס גליט דער סוד, אַוואו ער איז געלעגן,
אין זיגל שטום און זאָגט קיין וואָרט ניט אויס.

8-24-36

דער ווייסער גייער

דורך ווענט פון שוואַרצער נאַכט געפּאַכעט האָבן פּאָלעס
פון ווייסן קיטל און פון דיקע פּאַסמעס גרויע האָר.
אין בליצן־ליכט האָט פּעסטע האַנט פאַרהויבן סוקעוואַטן שטעקן
אַף הויכן באַרג־שפּיץ, וואו עס ליגט דער אויסגעחלומטער קאַיאַר.

אַ קייכנדיקער דונער האָט געקראַכט אין נאַכט אין ווייטער.
דער הימל האָט געטריבן וואָלקנס און אַראָפּגעשפּיגן שוואַרצן טינט.
דעם גייערס פיס געזונקען האָבן אין צעווייקטן ליימיק באָדן,
ער האָט געטאַפּט זיין וועג צו ליכט מיט אויגן שטאַר און בלינד.

דער רעגן האָט פאַרפילט דעם נידעריקן טאָל אַריבער אַלע ברעגן.
דאָס וואַסער האָט געכוואַליעט דאָרט ווי אין אַ טיפן טייך.
געציטערט האָט דאָס האַרץ. זיך צאַפּלענדיק אין שרעקן,
האָט עס געשעפּטשעט: גיכער, גייער, ריר זיך ווייטער, גלייך.

אין מיטן וועג אַרויפצו האָט אַ דיקער וואַלד געשוואַרצט זיך.
אַ בליץ האָט אָנגעצונדן וואַלד מיט גייער אינדערמיט.
אַ וואָלקן־רויך און צונגען־פייער האָבן אַלץ אַרומגענומען
און אָפּגעווישט אפילו גייערס ווייסע טריט.

און אָט האָט זיך אויף סאַמען שפּיץ אַ שנירל ליכט באַוויזן —
אַן ערשטלינג־אָנזאָגער פון גאָלדענעם פאַרטאָג.
אַנטקעגן אים מיט גליענדיקע פלאַמען־בליקן
האָט זיך געהויבט דער ווייסער גייער מיטן סוקעוואַטן שטאָק.

1-12-38

דער צויבער פּאַלאַץ

אַפֿן באַרג, אין סאָסנעס,
אַפֿן גרינעם מאָך
שטייט דער ווייסער פּאַלאַץ.
שטיל אַרום. קיין שאָרך.

קעגן בלויען הימל
שטאַרן פֿענצטער בלינד;
ס'פֿירט אַהין קיין פֿוס טריט
פֿון קיין מענטשענקינד.

ס'הייגנט נאָך בויערס חלום
דאָ אַף באַרגנקייט:
שטיין זאָל דאָ אַ טורעם־
ליכט פֿאַר ווייט און ברייט!

איז געלייגט פֿונדאַמענט,
פֿענצטער, ווענט און שפּיץ,
צוויי איניציאַלן
אַף דער טיר צעקריצט.

האָט נאָר ניט באַוויזן
אָנצינדן קיין ליכט . . . .
איבער פּאַלאַץ ווייסן
נאָר אַ שאָטן קריכט.

6־טן יאַנואַר, 1935

אַ חתונה

עס גיט זיך אַ נויג אַ טרעריקע אויג
און קוקט צו דעם פינצטערן ווינקל.
עס דוכט זיך פון בעט, אַז עמיצער רעדט
און עמיצנס בליקן פינקלען.

די גרוילאַכע באָרד פאַרנעמט אַ וואָרט,
און ס'ציטערט דער גוף דער אַלטער.
— נו וואָס, נו וואָס, קום אונטערן גראָז,
גענוג מיך שוין דאָ צו פאַרהאַלטן!

דאָס לעבן צאַנקט, נאָר הינטערן וואַנט
דערהערט זיך אַ פידל שפילן:
זיין אינגסטע קינד . . . מען נעמט אַצינד
עס צו דער חופה פירן.

ער הויבט זיך אויף אַנטקעגן רוף.
און אונטער חופה שטאַנגען
קומט אַ געשטאַלט. דער אַלטער פאַלט
אין מיטן געוויין און געזאַנגען.

2-7-36

דיין שיף איז גרייט

(בן-ציונען צום 14טן געבוירנטאָג)

דיין שיף איז גרייט, די זעגלען אָנגעצויגן.
עס רופט אין ווייט דער ברייטער אָקעאַן.
אין הימל ציען וואָלקנס, עס רוקט זיך אָן אַ שטורעם.
זיי שטאַרק! ווייל שטורעם שטומט, וואו כח איז פאַראַן.

ניט אַכט די נאַכט אַרום, דו ווייסט דער טאָג מוז קומען.
טראָג שטענדיק זון אין האַרצן אין דער טיף.
דיין וועג ליגט צום פרימאָרגן. אַ קוש . . . אַ דריק אַ לעצטער . . .
דער לעצטער גלאָק. עס רוקט זיך שוין דיין שיף.

27-טן יוני, 1935

מיט יעדער שעה

ווי אַ שוואָם ווערט אָנגעזאַפּט מיין ברוסט
מיט טענער־פלוס פון ניט געזונגען ליד.
איך בין אַ נאַכטיגאַל, וואָס האָט אָן רויזן־קוסט
זיין האַרץ, זיין צאַפּלדיקס צעשטאָכן פאַמע אינדערמיט.

די טרעלן שוועבן אום אין חלל בלויען
און וויינען אויס אַ יתומדיק געזאַנג,
און באַ מיין טיר צווישן טויטע בלעטער ראָיעט
זיך שטיל מיין היטערן, אַ גיפטיק־גרינע שלאַנג.

די ווענט פון מיין געצעלט זיך רוקן איינס צום צווייטן,
און איבערן געצעלט קרייזט אום אַ שוואַרצע קראָ.
זי טראָגט אין מויל די עכאָס פון טראָמפּייטן,
וואָס קומען נענטער אָן אַהער מיט יעדער שעה.

6-10-41

אין אַ נעפּלדיקער נאַכט

איז מײַן אויטאָ איצט אַ שיף אין גרויע לופטנכוואַליעס,
צי האָט ער גאָר פאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואָלן באַרג פון גרויע שאָף?
די גאַס געהילט אין געלבלאַך גרויען טלית,
אַרומנעמענדיק אַלע הײַזער אירע שלאָפט.

איך שנייד זיך לאַנגזאַם דורך. איך מוז אין ערגעץ גרייכן.
וואוהין? — איך זע פאַר זיך קיין שפור פון וועג,
ווי ס'וואָלט דער גורל מיך באַשטימט אַ נייעם נחן
באַשערט צו שווימען איינ־אַליין אין גרויל פון מבול שרעק.

די טראָפּנס רינען דורכן שײַן פון ראָגיקע פאָנאַרן
און שטראָמען דאַן אַרונטער, ווי אַ בלוטיק רויטער גוס.
אָ, גאָט, מײַן גאָט, איך קען קיין ווייסע טויב פאַרנאַרן
צו ברענגען מיר פון רו און פרידן לאַנד כאָטש אַ גערוס.

10-28-37

אַנטקעגן טאָג

שטיי אויף און קום, געניג זיך שוין געוואַקלט —
עס לעשט זיך אויס דער לעצטער פאַקל,
דער לעצטער לאָמפּ ברענט אויס ביים ראָג —
שטיי אויף און קום באַגעגענען דעם טאָג.

עס פייפן שוין די ערשטע אויטאָס, טראַמען,
דער ערשטער ווינט צעדייסט די שוואַרצע וואָלקן־ראַמען,
די לעצטע נאַכט־שעה קלינגט שוין אויס דער גלאָק —
שטיי אויף און קום באַגעגענען דעם טאָג.

דער זאַק איז גרייט. דער וועג איז נאָך אַ לאַנגער
און גריבער פיל אַדורכצוגיין, און שפּיצן בערג דערלאַנגען,
טאָ גורט די לענדן אָן און נעם אין האַנט דעם שטאָק,
שטיי אויף און קום באַגעגענען דעם טאָג.

6-19-35

ערב פרילינג

עס ווערט דער ווייסער שניי באַדעקט מיט לייכטער ברווינקייט,
זיין צודעק דער פאַרפרוירענער לאָזט נאָך,
אין לופטן שוועבט איצט אום אַן אומרו, אַ פאַרטרוימטקייט,
אַ שטילקייט אַ פאַרטייעטע פאַר ערשטן וואָלקן־בראָך.

אין טיפער ערד יערט אויף געהיים אַ ציטער,
אין אונטערגרונט וואַכט אויף אַ ניי געבורט,
וואָס וואַרט מיט אומגעדולד דער פרילינגדיק געוויטער
זאָל אָפּשניידן זיין לעצטן פאָדעם פונם מוטער־שנור.

הויב אויף דיין קאָפּ, פון בייזע פיינט פאַרוואונדעט,
און בינד אָפּ די באַנדאַזשן פונם אויסגעבלייכט געזיכט,
און זע — ווי גאָר די וועלט ווערט אָנגעצונדן
מיט ערשטע שטראַלן גאָלד פון אויפגייענדיק ליכט.

19.

אַזאַ טאָג

אַזאַ טאָג היינט, אַזאַ טאָג.
זיצט די זון באַ יעדן ראָג,
און זי טיילט אַזויפיל פרייד
פולע הויפנס אָנגעגרייט.

ווער עס וויל קומט און נעמט.
ווער עס וויל ניט, איז מיט גוואַלד.
זע! עס בליען שטיינער־ווענט,
און עס גרינט דער גאַס־אַספאַלט.

פון די הערצער אויסגעגלעט
יעדן קנייטש און יעדן האָרב.
זון פאַרברענט היינט קאָרב נאָך קאָרב
טרויער, פיין פון פרי ביז שפעט.

4-6-36

רויטע עפּל

ס'איז האַרבסט אין לופט. עס ווערן צייטיק רויטע עפּל.
אַרום מיין זילבער קאָפּ נאָך ליגט אַ זומער־האַלא אויסגעהאפּט.
נעם שטאַרקער מיך אַרום. דו ביסט אַ רויטער עפּל,
אָנגעפילט מיט גליאיק זונענזאַפּט.

די שפּעטע פייגל זינגען אויס שוין לעצטע טענער.
זיי פּאַקן זיך מיט שטיקער האַרץ מיינס. הערסט: טשיריק, טשיריק!
די הימלען הענגען אויס פאַרנעפּלט־גרויע פענער,
וואָס ווערן פונם וויינענדיקן ווינט צעפּליקט.

די שפּינוועב אין דער לופט זיך ציט ווי מיינע יאָרן,
וואָס האָבן אויסגעהוילט זיך ווי אַ בוים אין האַרבסט,
און יעדע חשך־נאַכט, וואָס ווערט אין וועלט געבאָרן,
פאַר מיר אין העלסטע פאַרבן דו אַליין צעפאַרבסט.

8-28-41

האַרבסט גאָלד

ס'איז היינט אַ טאָג אַזאַ, ווען יעדערער באַזונדער
זינגט צו דער זון זיין אייגענעם געזאַנג.
אין ווייכער לופט אַ ווינטל ווייט אַ וואונדער־
ווייץ און טיילט אוים הויפנווייז באַרוישנדן געטראַנק,
אַזוי אַז אַלע ווייטיקדיקע וואונדן
ווערן ווידער אויפגעקניפּט און אויפגעבונדן
און ציען זיך צום ווייטן בלוי אויף מיילן לאַנג.

און אַלץ אַרום ווערט אָנגעזאַפּט מיט טרויער־טאָן מיט שטילן
אין אָט דעם לעצטן טאָג פון שפּע און פון פרייד.
אויף ביימער־שפּיצן ציטערדיקע פידלען שפּילן
סימפאָניעס אויס פון בייגקשאַפט און פון וויי,
ווי פלאַטערדיקער שמייכל, וואָס פאַרשנירט דעם פּלוס פון טרערן,
ווען טויט־טריט נענען ראַשיקע און שווערע
צו איינעם פון פאַרליבטע צוויי.

אויך איך גיי אום און טויך אין שטראָם פון פרעמדע בליקן
דעם פּערל־חלום צו געפינען ערגעץ אין אַ טיף.
דער שטראַלן־שיין פאַרשפּרעכט אַזויפיל וואונדערלאַכע גליקן.
איך שפּרינג אין אונטערוואַסערן פון ריף אויף ריף.
איך זעץ זיך מיד ביים ברעג. די זון איילט שנעל אַרונטער.
און פון דעם ווייטן מערב־ראַנד, וואָס גליט איצט צונטער,
קומט אָן צו מיר צום ברעג אַ פּוסטע ווייסטע שיף.

11-21-39

אין אַ רעגן

אַט איצטער קלאַפּט דער רעגן אַף מיין דאַך:
טריפּ . . . טראַפּ . . . טראַפּ . . דריבנע טריט,
עס ווײַנט זיך אויס אַזוי אַ טעמנע נאַכט,
וואָס העלע זון האָט אויסגעלאַכט
זי, און אַוועק — אַנטלאָפן מיט דער ליכט.

איך הער דער נאַכטס געוויין. עס דאַכט
זיך ס'ווײַנען מיט איר מיט
דאָס גראָז, וואָס טרינקט דעם רעגן אין דער נאַכט;
דער מענטש, וואָס זיצט דאָ איצט און וואַכט,
און בוים, און בלום, און פייגל־פאָלק, און פליג.

און אין געוויין — אַ קוים־דערהערטער ברום
אַף פליגלען פונם ווינט צעלאָזט,
ווי איינער נאָך אַ לאַנגן יאָמער, שטום,
דורך וועמעס בליק מיט אַ פאַרגליווערטן „וואָרום?"
זיך רייסט אַרויס נאָר איינונייִנציקער „צו־וואָס?"

2-13-36

האַרבסט־שטימונג

מ'עט אָנגעקלונגען אין מיין טיר
אין שפּעטער שעה פון נאַכט:
אַ פּעקל דאָ געשיקט צו דיר.
איך האָב דיר עס געבראַכט.

מיט ציטער האָב איך אויפגעמאַכט
דעם סודותפולן פּאַק.
געפונען דאָרט אַ שטיקל נאַכט,
אַ טרער, אַ געלן בלאַט.

דאָס שטיקל נאַכט אַריין איז באַלד
אין טיף פון מיין געמיט,
די טרער האָט זיך מיט פיין צעשאַלט
אין טענער פון מיין ליד,

דער געלער בלאַט נאָר ציטערט, פליט
געטראָגן פונם ווינט
און ניט אין ליד, ניט אין געמיט
קיין רו פאַר זיך געפינט.

11-2-39

שוין האַרבסט

שוין האַרבסט. אַ שטילער ווי אין לופטן.
דאָס האַרץ ברענט העל, ווי אַסטרען אין דער זון.
איך הער זיך צו — ס'האָט עמיצער גערופן.
ס'אי' שטיל. שוין צו שטיל דאָ אַרום.

די שטילקייט ווייס איך ניט צי בענטשן אָדער שעלטן.
עס נויגט צום שלאָפן. וואַרטן אַפן סוף.
אַז יעדע טרייסט האָט אויסגעברענט אין וועלטן,
און ווי אַ הויך צערונען — יעדער „האָף".

אַ ציטער ציט זיך פונם קלעפּעדיקן שפּינוועב,
פון שטראַלן זון אַף האַלבעדיקער גאַס.
צי איז די וועלט איצט ערב נייעם קימפּעט?
צי איז דער מענטש פאַרגיפטעט פון אַ גאַז?

די פעלדער שטייען הוילע. זון האָט אויסגעבערענט זיי.
און שניטער קומען קוקן — ס'שפּרייט זיך מדבר־לאַנד.
אָט ערשט, דאַכט זיך, ניט לאַנג האָט זאַנגען ים געזען זיך.
ווי פרעמד, וואָס איז געווען ערשט נאָענט און באַקאַנט.

9-16-36

עס טרעפט

עס טרעפט אַזאַ טאָג, דו ביסט פול מיט געזאַנג,
אַזש דער אייזן און שטיין נעמען זינגען,
און דו זוכסט אַזאַ וואָרט, און דו זוכסט אַזאַ קלאַנג
צו שטילן דיין זינגעוודיק הונגער,

ביז דו קלעטערסט אַף בערג פון דיין אייגענער פרייד
און דערגרייכסט ביזן שפּיץ פון דיין יוגנט.
אַזאַ זוניקע רחבות ליגט דאָרטן צעשפּרייט,
וואָס איר גלאַנץ איז שוין שווער צו פאַרטראָגן.

און זע — האָסט דערוואַכט אינם פינצטערן טאָל
אַ פאַרשלעפּטער דורך שיפּען פון שלאַנגען
און דאָרט ערשט אַנטפּלעקן זיך דיר מיטאַמאָל
די ווערטער געגאַרטע און קלאַנגען.

12-13-35

וויג מיך...

אָ, וויג מיך, וויג מיך, גאָלדנער שטראַל,
אָ, וויג מיך איין צום דרימל!
די ערד איז גרוי, די ערד איז קאַלט
און פינצטער־בלוי — דער הימל.

איך האָב געזעהן דאָס גרינע פעלד
מיט יאָרעדיקע קערנער,
געיעט, באַוואַסערט, נאָר פאַרפעלט
און — אָפּגעשניטן דערנער.

מיט טרערן ביטערע דעם שניט
האָב איך געבראַכט אין שייער.
דאָ האָבן דערנער זיך צעבליט
אין גליאיק־רויטן פייער.

פון עק אין עק דער פייער צינדט
די וועלט אין ווילדע פלאַמען,
און איך אויף פליגלען פונם ווינט
נעם זיך און וועלט פאַרדאַמען.

טאָ, וויג מיך, וויג מיך, גאָלדנער שטראַל,
אָ, וויג מיך איין צום דרימל.
די ערד איז גרוי, די ערד איז קאַלט
און — פינצטער־בלוי דער הימל.

10-14-39

דער לאַכפּייגל

דער לאַכפּייגל, וואָס האָט געזונגען ביינאַכט,
ווער האָט אים אין שטוב מיר אריינגעבראַכט?
ביינאַכט איז געווען זיין געזאַנג אַזוי זיס,
אַז יעטווידער טאָן איז געוועזן אַ ריס
פון פאַרביקע שטראַלן אין שוואַרצן האַרץ.
און גוט איז געווען מיר. די נאַכט האָט צאַרט
באַמאָלן די וועלט — אַ גלאַטער וועג,
באַהעלט מיט גינגאָלדענע פרילינג־טעג,
האָט צעזונגען דאָס לעבן אין גרינעם ליד
פון ליבע אז רו, פון גרינג געמיט;
און איצטער — איך האַלט אַ שוואַרצע קראָ,
וואָס שלעפּט אַ וואָלקן אַפּן בלאָ
פון הימל טאָגיקן און לאַכט
אויס רעגנבויגן פון דער נאַכט.

5-7-37

מיין באַלייטער

איך הער אַ שטילן פליסטער, רייד, ווי טייכל־מורמל.
איך הער אַ שאַרפן בייזער, יעדעס וואָרט אַ שפּיז.
איך גיי אין גאַס און פלוצלונג וואַקסט אַרויס אַרום מיר
אַ מענטש, אַן אומבאַקאַנטער, כ'ווייס ניט ווער ער איז.

ער קוקט מיך אָן מיט ליבשאַפט, ער קוקט מיך אָן מיט ווייכקייט,
ער קוקט מיך אָן, דערזע איך, בליק פאַרסמט פון האַס.
צי האָט ער ניט אַ מעסער הינטער קלייד באַהאַלטן?
איך לאָז זיך שפּאַנען גיכער, גיכער איבער גאַס.

נעמט שפּאַנען מיין באַלייטער מיט מיר גלייך און גלעט מיך.
איך פיל ווי זיינע פינגער כאַפּן אָן מיין האַלדז.
איך וויל שוין שרייען, רופן: העלפט מיר זיך באַפרייען! —
כאַפּט אָן מיך מיין באַלייטער און טאַנצט מיט מיר אַ וואַלץ.

ביז ס'רינען מיינע טרערן איך זיין צעקרימטן שמייכל.
איך האַלט שוין אָן דאָס הענטל פון מיין אייגן טיר,
ערשט דאָ דערזע איך זיך אַליין, אַליין ווי אייביק,
אַליין, אַליין און קיינער, קיינער אַרום מיר.

ווי אויפן בוים אַ צווייגל

1

ווי אויפן בוים אַ צווייגל
איך וויג זיך היינט אין ווינט,
די האָפענונג צום שטייגן
באַרויבט האָט טויט און זינד.

אַף מיר אין שרעק די פייגל
זיך בויען ניט קיין נעסט.
איז קומען זיי צעפלויגן,
ווי אומדערוואַרטע געסט —

אַ פּישטש. אַ צוויטער. ווידער
געלאָזן מיך אַליין
צו הערן וויסטע לידער
פון האַרבסטיקן געוויין.

2

איך בין ווי אַ דעמב שוין געצייכנט
פון וואַלד שומר: דער גייט אַראָפּ!
מיט ווייסן קרייד דער צייכן
ליגט אַף מיין קרויזן קאָפּ.

ניט לאַנג דאָ האָבן קינדער
געשפּילט אין שאָטן קיל.
איך האָב געקוקט אַ בלינדער
זיך צוגעהערט צום שפּיל.

און אין דעם תחלת אָוונט,
לבנה איז אַרויס,
אַ פּאָרל האָט דאָ נאָענט
מיט יונגן בלוט געברויזט.

איך האָב געהערט, געשטאַנען,
געקוקט פּונקט ווי פאַרווירט.
געוואָלט אַוועק פון דאַנען
און פאָרט זיך ניט גערירט.

8-19-38

שטייט לענגער, לעצטע שטראַלן!

איך האָב פֿאַרזוכט גאָר ווינציק אין מיין קינדהייט
פֿון טאַטע־מאַמעס פֿלעגנדיקער האַנט;
און איבער זאַמדיקן און שטיינערדיקן באָדן
האָט יונג דער שווערער יאָך מיך איינגעשפּאַרט.

איך האָב געהערט ס'געוויין פֿון זאַמד און שטיינער,
איך האָב געפֿילט דעם פּיין פֿון וואַקסנדיקן גראָז.
עס האָבן ביטש מיך פֿאַרהאַרטעוועט: ניט וויינען,
נאָר שלעפּ דיין יאָך און שטייף אין האַרץ דעם שלאָס.

דאָס לעבן איז געווען אַ טרויעריקער צופֿאַל.
אין פֿאַלד פֿון זונענטאָג געלעגן איז די נאַכט.
און אָפֿט געוויינט האָט שטומערהייט דאָס שוואַכע גופֿל,
דערפֿילנדיק זיין סוף, וואָס שלייכט זיך שטיל און זאַכט.

געוועזן האָפֿנונגען ווי גאָלדענע מיראַזשען.
איך האָב זיי נאָכגעיאָגט אַ לאַנגע, לאַנגע צייט.
נאָר אָט איז שוין דאָס ליכט פֿון טאָג באַלד אויסגעלאָשן
און סוף פֿון לאַנגן וועג איז שוין ניט ווייט,

און אַלץ צערינט אין גרוי פֿון די פֿאַרנאַכטן.
איך הער עס שאָקלט זיך אין פֿעלד דער זאַנג
און שעפּטשעט: שטיי ביים שלאָס דיינס דעם געקראַכטן,
פֿאַרענדיק גיך. עס איז דיין לעצט געזאַנג.

ערשט איצט צעבליט זיך רויט אַ רויז אין בונטע פאַרבן.
ס'איז שפּעטער האַרבסט — אָ, זומער, שטיי אַ ווייל! —
און ס'גליען העל אַף באַק, אַף שטערן קאַרבן,
וואָס לעבן האָט צעקריצט מיט שאַרפער פייל.

עס קומט אָן שטילע נאַכט! שטייט לייגער, לעצטע שטראַלן!
איך האָב נאָך פליכטן פיל צו ענדיקן מיין טאָג,
איך האָב נאָך וועג צו גיין צו זוכן טיפע קוואַלן
פון גליק, וואָס איך האָב לאַנג אַזוי אומזיסט אַרומגעיאָגט.

11-14-35

* * *

קום, געליבטע, לאָמיר שפּילן,
לאָמיר שפּילן ראַשיק, היימ
צו געווינען, צו פאַרשפּילן
און אין נעפּל זיך צו הילן
און דערפילן — ס'איז אַלצאיינס.

וויפל איז נאָך דאָ געבליבן
רגעס אויסגעטרוימטער גליק?
כ'זע דעם גלאַנץ פון שווערדן טריבע
פון דער ווייט און באַלד פאַרטריבן
ווערן מיר צוריק, צוריק.

וואָסער זין אין אונזין־וואַנזין
פונם שיין פון אונדזער „זיין"?
שטענדיק הענגט דער גרימער אנזען
פון דעם אויגנבליק, וואָס קאָן זיין
גרענעץ אין דער הייד אַריין.

לאָמיר שטעלן טויזנט צילן
פאַר אַ צוקונפט אין דער ווייט —
יעדע צוקונפט מוז פאַרשפּילן,
ווען זי נעמט דעם היינט דערפילן
און דעם נעכטן באַ איר זייט.

כ'וויים מיין ליד איז ניט קיין נייעס,
נאָר די וועלט איז אויך ניט ניי.
שוין געזאָגט האָט אַמאַר כאיאם
און קהלת? — וואָס איז שייך,
אַז ס'אי' גאָרניט דאָ כדאי.

נאָר עס טוט אַמאָל אין האַרצן
אַזאַ ווייטיקדיקער בים,
וואָס מען מוז אין פּיין זיך שוואַרצן
דאָ, וואוהין מען האָט פאַרנאַרט אונדז
דורך אַ וואַנזיניק קאַפּריז.

12-6-35

דער פידלער איז טויט

איך בין ווי אַ פידל, וואָס פּלאַצט פון געזאַנג
אין שפּילערס פאַרבלויטע פינגער.
אַ שניי שטורעם רייסט אוים פון סטרונעס אַ קלאַנג
און נעמט אים אויף פעלדער צעשווינגען.

דעם שפּילער האָט שונא פאַרטריבן פון הויז
ביינאַכט אויף די פראָסטיקע פליינען,
באַלייט פון זיין קינדס און באַלייט פון זיין פרויס
גוססע יאָמער געוויינען.

ווילד וואָיעט דער שניי שטורעם רונד דאָ אַרום
דעם פידל אין פינגער פאַרבלויטע,
וואָס פּלאַצט אינדערמיט און בלייבט ליגן פאַרשטומט
ביים האַרץ פון דעם פידלער דעם טויטן.

צום קומענדיקן

איך האָב איצט ניט די רו דיר שרייבן אַ צוואה.
איך ווייס נאָך ניט ווער דו וועסט זיין.
נאָר דו זאָלסט אויסגעפינען איז עס ניט קיין טעות,
וואָס איך דאַרף צאָלן מיט אַזויפיל פיין

פאַר יאָרנטויזנטער פון בלוט, פון מאַכט, פון רויבן?
און אפשר וועסטו זיצן אויך אַמאָל
און צו דיין קומענדיקן אין דיין ריי אַן אויער נויגן
און אויסגיסן אין זעלבן קלאָג דיין קול?

ווער ווייס צי וועסטו גאָר אינגאַנצן קומען
און צי איז ניט מיין ליד אומזיסט,
ווי אונדזער ווײַ געשריי צו הימלען בלויע שטומע,
וואו יעדער כסא כבוד שטייט שוין פוסט און וויסט.

9-16-36

און עס איז געווען פרימאָרגן
און עס איז געווען אָוונט

א י י ן ט אָ ג

5-24-25-26-38

המחדש בכל יום מעשי בראשית.

דערוואַכונג

אַ העלער שטראַל — אַ בכור פון דער פרימאָרגן זון
דירט אָן מיט לייכטן ברען דאָס צוגעמאַכטע דעקל פון מיין אויג.
ער בלאָזט אין נאָזלעכער אַריין מיר נשמת חיים פון
די הימלען ווייטסטע ליכט־ספערן. עס בויגט

מיין גוף צענויף זיך: — ניין און ניין!
איך וויל אַ דומם זיין. איך וויל ניט לויפן, גיין און שטיין.
איך וויל ניט ווערן. לאָז מיך פינצטער זיין אין רו —
עס קעמפט מיין גוף מיט שטראַל: — צו וואָס? צו? . . . —

עס ענטפערט ניט דער שטראַל. איך הער ער שרייט
צו אימעצן אַ וויטן: — ליכט, נאָך ליכט דערלאַנג! —
איך דריי זיך, ווער זיך . . . דאַן אַ לעצטער צאַפּל . . . און פאַרשפּיל
דעם שטרייט.
עס נעמט מיך אויף דער בלאָנדער טאָג מיט פייגלשן געזאַנג.

מאָרגן־געזאַנג

איך הער דעם פייגלשן געזאַנג. עס עכאָן
מיינע חושים, מיינע בלוטן פול מיט יונגן לעבן.
איך ווער אַליין אַ פייגל. איך וויל צעברעכן
ווענט פון הויז. אין בלויער לופט צו שוועבן,

זופן שטראַלן ליכט און ווערן פון זיי שכור,
ווי די ביימער, בלעטער, ווי די בלומען קוסטעס דאָ אַרום.
עס קאָן מיין גוף זיין פרייד שוין ניט דערשטיקן
און ציט זיך, זינגענדיק אַ הימנע, צו דער זון.

דאַן הערט זיך פון אַ הויז־ווינקל אַ שיפּען,
אַ בייזערדיקער צישען אין דער מיט פון הימנע־לויב,
די שווערע קללה פון דער שלאַנג דער קליפּה:
מיט שווייס פון פּנים דיינעם וועסטו עסן ברויט.

אין שווייס פון פּנים

דער קלאַנג פון שלאַנג וועקט אויף די ערד. איר צערענען
דערהער איך! — העי, ניט פּלי אין הימלען! ביסט אַ טייל פון מיר...
קום, ריים די שטעכלקעס אַרויס און צי אַרויס די דערנער.
לייז אויס די זינד, וואָס ליגט אַרום מיין טיר. —

איך גיי אַרויס אין פעלד. איך דריי זיך אויף אין דרייען.
אַ הייסער שוויים־שטראָם באַדעקט איצט מיין געזיכט.
אַזויפיל הבלם דאָ אַרום, אַזויפיל בלודנע קינס,
און יעדער גראָבט אַ שטיקל ברויט פאַר זיך.

די קללה אויף דער ערד צעברענט אין זונען־שטראַלן,
אפילו אין דער טיף פון אַספאַלטיקער שטאָט.
איך זע אַרום זיך מענטשן הויבן זיך און פאַלן;
איך שעפּטשע שטיל: גיב כח, גאָט, מיין גאָט.

די שווינגענדיקע שווערד

דאָ קומען נמרודס אָן, באַוואָפנטע מיט פייל און בויגן.
— ביסטו דאָס ניט אָט דער, וואָס שווימט אַנטקעגן שטראָם?
מען זאָגט דו קרעכצסט און הויבסט צו הימלען אויף די אויגן.
ביסטו דאָס ניט צומאָל דעם תרחס זון אברם?

דו בעסער גיי זיך שטיל. ס'איז פאַר דיין אייגנער טובה.
ניט שטשירע מיט די ציין און לאַך ניט מיט דיין בליק.
מיר האָבן גרייט פאַר דיר דעם קאַלעך אויוון.
זיין פייער וועט דיין גוף פאַרצערן שטיק נאָך שטיק.

אין זייער שיפען הער איך שלאַנגען צישען.
זיי האָבן עס מיט דערענער פאַרזייט די ברוינע ערד.
איך טראָג אין מיר דעם שטורעם, וואָס וועט זיי פאַרווישן —
און ווערן ערד וועט אַ גן עדן פריי פון שווינגענדיקער שווערד.

איכה? (וואו ביסטו?)

וואָס שטאַרקער ס'שלעפט דעם מידן גוף צו זיך די ערד
און זויגט זיך איין אין אַלע אברים מיט די ברוינע פינגער,
אַלץ שטאַרקער ציט דאָס ליכט פון הויך, און איך באַגער
פון ערד געשפענס, פון אומקום, טויט אין לופטן שפּרינגען.

איך זוך דעם עץ החיים אום אין מיין געדאַנק,
און ווערן וויל איך גלייך צו דעם באַשעפער אלהים

. . . .

דערווײַלע ווערן שאָטנס לייגער, און די זונליכט צאַנקט,
און אין דעם פאַרנאַכטן ווינטל הער איך שוין די שטים

וואָס רופט מיך! — רו זיך אָפּ און קוק זיך אום
איכה! וואו דו ביסט און ווער דו ביסט. —
און איך דערזע זיך נאַקעט אינם פורפור שיין פון גוססדיקער זון
און זע מיין לאַנגן טאָג, וואָס איז פאַרשוואונדן פוסט און וויסט.

אין ווינט פון טאָג

אַ שאַרפער חלף ליגט איצט אַפן האַלדז פון טאָג.
דער שרעק פון זיינע בלויע אויגן ווערט באַשפריצט מיט רויטן בלוט.
אַ קאָנוואולסיוועער ציטער ברוינע ערד באַשלאָגט
פון קלענסטן גריינעם גרעזל ביזן העכסטן סאָסנע־רוט.

איך האָב געבויט אַ מגדל אינם בלויען הויך צו גרייכן
דעם אין־סוף פון דער וועלט, כדי דערגיין איר סוד
און האָב דערוואַכט איצט אין אַ פורפור טאָל אַ ווייכן
אַליין, פאַרלאָזט צו זיך אַליין, אויף גאָטס באַראָט.

איך זוך אַ פֿייגנבלאַט מיין הוילקייט צו פֿאַרדעקן
און וויין אין לידער אויס מיין שוואַרצע שרעק.
איך בין אין שטורעמדיקן ים אַ מאסטן־שטעקן,
וואָס וואָגלט אום אין ווינט און זוכט פֿאַר זיך אַ ברעג.

פלייש פון מיין פלייש

אַ צער־נעפּל הויבט זיך אויף אין הויך פֿון אויסגעזויגטער ערד
און ציט זיך לאַנגזאַם צו באַהעפֿטן מיטן וואָלקן פֿון דער נאַכט.
אַן ערשטער שטערן צינדט זיך אָן. און אַלץ אַרום צעיערט
זיך מיט געהיימען זאַפֿט פֿון פֿלאַמענדיקער טראַכט.

אַ שלאַפֿע מידקייט פֿילט איצט אָן אין גוף די גלידער.
איך שעפּטשע. איך באַוועג קוים מיט אַ ליפּ
און אַ געהיימער כּח וואַרפֿט אין אונמאַכט מיך אַנידער
און שניידט פֿון קערפּער מיר אַרויס אַ ריפּ.

איך עפֿן מיינע אויגן. אַזאַ ליכט אַרום מיר,
ווי ס'וואָלט די זון אַריין צוריק אין הימל־בלוי.
און איך פֿאַרנעם פֿון טיף די בלוטן ברומען:
ס'איז פֿלייש פֿון דיר. די זאָלסטו רופֿן פֿרוי.

און ווערסט זיין ווי אלהים

עס ריזלט אין דער נאַכט אַ קוואַל
און זעגט זיין וועג דורך העכסטע בערג.
עס עפנט אויף זיך יעדער שפּאַלט
און יעדער סוד ווערט אויפגעקלערט.

איך האָב אומזיסט געצויגן הויך
אין הימלען ווייט צו זוכן אים.
אין פינצטער שרעק פון טיפער הייל
האָב איך דערקענט דעם אלהים.

איך האָב באַהעפט מיין לייב מיט לייב,
און בין געוואָרן גלייך, ווי ער.
מיין גאַנצע קראַפט אין שטורעם טרייבט
צו שאַפן לעבן אויף דער ערד.

עס שפּרייט די נאַכט אַ בלויע קלייד,
אין דימענטן געפּאַסט.
דער הימל האָט אין ווילדער פרייד
די מוטער ערד געהאַלדזט.

אַ שטאַרקער שלאָף איז אָנגעפאַלן אַף אים

די נאַכט האָט שטאַרקע אָרעמס.
זי לייגט מיך אויף מיין בעט.
איך הער עס רופט אַ האָרן
אין דער נאַכט: שוין שפּעט,

זי לעשט אויס אַלע ליכטער
און גלייכט מיר גלידער אויס.
איך האָב געזען ס'געזיכט. ער
קושט מיר אויגן אויס.

איך בעט זיך: — לאָז מיר וואַך זיין.
ערשט איצט, ווען ס'האָט דער סוד
פאַר מיר אַנטפּלעקט זיך לאַנגזאַם,
ווען כ'האָב דערזען דיך, גאָט! —

די ערד נעמט מיך אַרומעט
און וויגט מיך איין אין רו
מיט שטילן נאַכט ווינט ברומען:
איילֿיע ליו ליו ליו.
איילֿיע ליו ליו ליו.

שטערן־כאָר

זאָגט אַ שטערן צו אַ שטערן
אין די נאַכטיק בלויע ספערן:
— וואָס וועט זיין און וואָס וועט ווערן?
ענטפערט אים דער כאָר פון שטערן:
זינג דאָס ליד פון פרייד און טרערן,
זינג פון בויען, פון צעשטערן,
פון געבערן, פון ניט ווערן,
זינג עס הויך און זאָל מען הערן.

אינהאַלט

זייטן

מער ניט פרעג — 3

זינגענדיק

בענקענדיק נאָך זון — 7
זאָל קלינגען ליד פון ליכט — 9
א זוניקער טאָג — 10
די באָלאָדע פון דעם זינגערס האַרץ — 11

למנצח מיין פאָלק

איך זינג צו דיר מיין פאָלק — 17
רוים און ירושלים — 23
א י י ב י ק — 24
רבי יהודה הלוי — 25
נעם צענויף דיינע טרערן — 26
וואו איז די פאַווע, עראָפּלאַן? — 27
די גאַנצע וועלט צו דיר אין פּחד שרייט — 29
רופט ניט אויס קיין שמיטה — 30
ווער ביסטו? — 32
אין בלינדן וואָגל — 33
ווינט־צונגן — 34
דער נביא ווײַנט, זינגענדיק נחמו — 35

די געזאַנגען פון אברהם דעם עברי

דער עברי אברהם — 39
אין פייערן געלייטערט — 40
צו דער עקדה — 42
זאָג נאָר דו ביסט מיין שוועסטער — 44
ויבא חעיט — 45
אני הולך ערירי — 47
תן לי הנפש והרכוש קח לך — 48
ביים זונפאַרגאַנג — 50

אין בלוטיקן שטורעם

	זײַטן
פידלער שטום	55
עס איז געװעזן זומער	56
דער טאָג פון יעהאָװע	59
פרילינג 1939	69
טרעלן פון לאכפײַגל	72
זאַראַסטער	79
דער קורגאַן	96
צום בלוטיקן גערמאַן	98
מײַן זון גײט אין קריג	100
אַ מאַטראָס קושט זײַן מײדל אױפן ראָג	101
שױן װידער	106
אין אַן אױסלעש נאַכט	107
אָט אָט און ס'װעט . . .	108
לופט־אָנפאַל־סירענעס	109
הײם־פראָנט	110
טעקסעס אימפּרעסיעס	111
װי לאַנג נאָך?	113
צום סאָװעטן פאַרבאַנד	116
מײַן זון באָדט זיך אין פּאַסיפיק	117
ה ע ר ס ט ?	120

ס ק י ד ר אָ ו

װ ו י ז א ו ו י	123
די רױטע פעשקע	125
כ ו א נ י ט א	126
דער נעגער דזשים	127
יאַמאַטאָס שענק	129

זייטן

אין „מישן" — 130
אין קלייד פון ווייסן ליין — 132
נאַכט־האָטעלן — 133
מ אַ ט ר אָ ס ן — 134
דזשינגאַלאַ און דזשינגאַלי — 135
טריט אויף סקידראָו — 137
פאָרן לאָמבאַרד — 139

שטילע טענער

מיטן בליאַסק פון קאַיאָר — 149
דער זיגל — 150
דער ווייסער גייער — 151
דער צויבער פּאַלאַץ — 152
אַ חתונה — 153
דיין שיף איז גרייט — 154
מיט יעדער שעה — 155
אין אַ נעפּלדיקער נאַכט — 156
אַנטקעגן טאָג — 157
ערב פרילינג — 158
אַזאַ טאָג — 159
רויטע עפּל — 160
האַרבסט גאָלד — 161
אין אַ רעגן — 162
האַרבסט־שטימונג — 163
שוין האַרבסט — 164
עס טרעפט — 165
וויג מיך — 166
דער לאַכפייגל — 167

	זייטן
מיין באַלייטער — — — — — — — — — — — — — — —	168
ווי אויפן בוים אַ צווייגל — — — — — — — — — — —	169
שטייט לענגער, לעצטע שטראַלן — — — — — — — — —	171
קום, געליבטע! — — — — — — — — — — — — — — —	173
דער פידלער איז טויט — — — — — — — — — — — — —	175
צום קומענדיקן — — — — — — — — — — — — — — —	176

איין טאָג

דערוואַכונג — — — — — — — — — — — — — — — —	179
מאָרגן געזאַנג — — — — — — — — — — — — — — —	179
אין שוויים פון פּנים — — — — — — — — — — — — —	180
די שווינגענדיקע שווערד — — — — — — — — — — —	181
א י כ ה — — — — — — — — — — — — — — — —	181
אין ווינט פון טאָג — — — — — — — — — — — — —	182
פליש פון מיין פלייש — — — — — — — — — — — —	183
און וועסט זיין ווי אלהים — — — — — — — — — — —	184
אַ שטאַרקער שלאָף איז אָנגעפאַלן אַף אים — — — — — — —	185
שטערן־כאָר — — — — — — — — — — — — — — — —	186